STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04677

DOS FINFTE ROD

Meir Charatz

Permanent preservation of this book was made possible
by Daniel Justman
in memory of
Moishe Leisor Justman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאיר חרץ / דאָס פֿינפֿטע ראָד

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פֿון קולטור-אָפּטייל פֿון יידישן וועלט-קאָנגרעס, קרן תל אביב לספרות ולאמנות, ליטעראַטור-פֿאָנד ביים יידישן שרייבער-פֿאַראיין אין ישראל און אליעזר פינעס-פֿאָנד פֿאַר קולטור און ליטעראַטור.

מאיר חַרַץ

דאס פינפטע ראד

לידער

פֿאַרלאַג ״אייגנס״ ירושלים, 1978

MEIR CHARATZ

DOS FINFTE ROD

Farlag "Eigns", Ierusalem 1978

(הגלגל החמישי)

©

כל הזכויות שמורות

פאָרטרעט געצייכנט פֿון מיכאל מילבערגער
הילע און צייכענונגען צו אַלע קאַפּיטלען פֿון איזיו שערף

Printed in Israel

נדפס בדפוס צור-אות, ירושלים

אינהאַלט

אין פֿרעמדן גן עדן

אין פרעמדן גן עדן 11
דער אויסדערוויילטער 12
זײַן געדאַנק 12
בילדערפֿאַרבאַט 13
פֿון קליינערהייט 13
די ק.ג.ב.-לײַט 14
די קרעמלשפּיל 15
איר אַלע 15
נאָכקוקער 16
דער נאָמען 16
טרויער, ברודער, טרויער 17
אויב איר קומט אַ מאָל 17
טעלעפֿאָן 18
ניט קיין האָנאָראַר 18
אַ חלום וויגט די שטאָט 19
ניט פֿונעם שלאָף 20
אין סטעפּ 21
אין רוסישן וואַלד 22
אין לערמאָנטאָווס האַרץ 24
די רויטע אַרמיי 24
דער לעצטער עבאַ 24
איך זע אים 25
בײַ אַ ברעג פֿון שוואַרצן ים 26
אויף באַפֿרײַטע ברייטע גאַסן 27
די ווינטן טראָגן אַוועק 28
צו דער אַרבעט 29
בוווּנג 30
דער שטאָטגערויש 30
פֿון בוווּנג צו בוווּנג 31
צו גאַגאַרינען 32
גיי איך אַרויס 32
אַט קלײַב איך מיר אויס 34
זומערדיקס 35
אַ רוסיש-ייִדיש ווערטערביכל 36
זווערי זענען חיות 37
טשטאַ טאַקאָיע 37
אונטער די שנייען 38
איך קען 39
איך בין צו דעם גליק געפֿלויגן 39
לאָזט אונדז אַרויס 40

הימל און ערד

הימל און ערד און לידער 43
טו איך אָן 44
וועכטער, גיי זיך לייגן שלאָפֿן 44
שאָטנס 45
קוים-קוים 46
פֿאַרקערט 46
די בענקשאַפֿט 47
איך האָב ניט ליב 48
סנאָבן 49
דער סאַטיריקער 49
מײַן חבֿר, דער דיכטער 50
צווישן דיכטער 51
אָן שאָדן 52
אַ געפֿונענער בריוו 52
אל תפֿתח פּה לשטן 53
ניט אמת 55
קומט דער ליגן 55
דער אויבערמענטש 56
מאָדערניסטיש 56
די זון פֿאַרגייט 57
ווײַסע פֿערזן 57
הײַדוקן 58
גזלנים 60
אַ וווּנדער 61
אויפֿן פֿוסבאַלפֿעלד 61
ס'איז ניט 62
דער וועג אין שטאָט 62
דאָס נאָכטווינטל קלאַפּט 63
כ'האָב הײַנט געזען 64
לעבן אַ שווערן וואָגן 64
זײַן ליד 65
דײַן נשמה איז געבויט 65
דײַן ליד 66
טאָגבוך 66
דאָס פֿאַרשווינדל 67
שטאָט אַ מאָטאָ 67
ניט קיין מאָנומענטן 68
געלערנט גלײַך 68
וויפֿל דורות ? 69
פֿערזענלעכקייט 70

דער ייִדישער לוח 71
אוניווערסאַל 71

לידער צו אייגענע און פֿרעמדע

11טער דעצעמבער 1940 75
איך זיץ אין מײַן אָרעמען הויז 77
בײַם טויער 77
מײַן ירושה 78
די וועלט איז אונטערגעצונדן געוואָרן 79
ביסט געקומען 79
די קינדער זענען נענטער 80
צי בין איך ניט 80
טיף אין מיר 81
נאַראָנים 82
דער זקן 83
דער הימל בלויט ניט 83
געפֿאָרן-געפֿאָרן 83
זי 84
און איך בין אַריבערגעשפּרונגען 85
פֿון דײַן בענקשאַפֿט באַגלייט 85
דער אָטעם אין אויער 86
פֿאַרגעסן 87
צייל זיי ניט 87
טרייסט 88
אַלץ ווי געווען 88
אייפֿערזוכט פֿון אַ מאַלער 89
בעט זיך די פֿרוי בײַ איר מאַן 89
דאָס ליד פֿון אַ פֿאַרלאָזטן מאַן 90
מיר האָט די נאַכט געחלומט זיך 91
מײַן פֿעטער שלמה 92
אין האָטעל 98
אַ נאַכט אין ריאָ 99
צווישן סאַן פּאַולאָ און ריאָ 100
ריאָ דע זשאַנייראָ 101
אמתן באַקאַנטע 102
ס'וויל זיך מיר גלייבן 102
די מוטער רחל 103
און אָט איז 104
איבער זיך 104
ווי פֿרויען שוואַנגערע 104

שטערן אויפֿן הימל

שטערן אויפֿן הימל 107
ויהי ערב ויהי בוקר 108
מײַן וועלט 109
פֿאַרמאַך דעם טויער 109
דער דרויסן 110
פֿײַער 111
רויך 111
קעלט 111
מיר האָבן געבלאָנדזשעט 112
הערש סאַדאָווניק 113
מיט פֿאַרצויגענע אויגן 113
מאַך צו 114
און קומען אַ טאָג וועט 115
זוכט מײַן שאָטן 115
וואַסערן 115
וועלטלעכע זאַכן 116
* * — די ערד איז גראָז 117
מיר זענען ניט דעם ווינט 117
כ'געדענק שוין הײַנט ניט 118
פֿאַרמאַכטער סאָנעט 118
דער מענטש 119
זאַלץ 120
אַ מאָל און הײַנט 120
די אומענדלעכקייט 121
אין קרײַז 121
זומער 122
ירושלים של מטה 123
דאָס פֿעלד בײַ אים 123
דער האָניק איז זיס 124
דער ברעג 124
איך קוק פֿון ווײַטנס 125
שבת 125
שטרעק אויס דײַן האַנט 126
סײַ ווי סײַ 127
דאָן קיכאָט 127
* * — אָט האָסטו דעם שליסל 127
מדבר 128
שטויב ניט אָפּ 128
ירושלימער שניי 129
אונדזער פֿעלד 129
די וואָלקנס צייכענען 130
דער מדבר רופֿט ניט 130
דאָס הינטערלאַנד 131
און אַלץ וואָס געווען 131
די מידקייט 133
אַ געוועט 133
אַ לויב 134

אַנפּאַס און פּראָפּיל

אַרײַנפּיר 137
רייזיניש 137
יוסף פּאַפּיערניקאָוו 138
אריה שמרי 138
אברהם סוצקעווער 139
הדסה רובין 140
דוד ספּאַרד 140
הירש אָשעראָוויטש 141
יצחק יאַנאַסאָוויטש 141
יאַנקל יאַקיר 142
מיט לעיעלעסעס לידער 143
יעקב גלאַטשטײַן 144
חיים גראַדע 145
ישראל עמיאָט 145
לייזער אייכענראַנד 146
איך בענטש 147
צום דיכטער ל. מילער 147
יעסענינען 148
דער נסתר 150
דוד בערגעלסאָן 150
ווי לאַנג 151
יצחק קיפּניס 151
אהרן קושניראָוו 151
איציק פֿעפֿער 152
הערץ ריווקין 153
זלמן ראָזנטאַל 154
דאָס ליד, דער פֿויגל און דער זינגער 155
דאָס ליד פֿון אַ געוועזענעם פּאָעט 155
פּאָרטרעט פֿון אַ פּאָעט אַ קאַמער-זינגער 155
דער לידערשמידער 156
אַ נאָמען אָן אַ ליד 157
ווער סע וויל נאָר 157
פּאָרטרעט פֿון אַן אַקטריסע 158
אַ. ווערגעליס 159
פּאָרטרעט פֿון דניאל שיידבערג 159
צו משה טייף 160
מײַן ערשטער רעדאַקטער 162

דאָס פֿינפֿטע ראָד

דאָס פֿינפֿטע ראָד 165
אַנדערש 165
בלינדקייט 166
די לבֿנה טוט אונדז באַגלייטן 166
איך קען ניט מאָלן קיין פֿאַרשטעלטן בוים 167
אָ, גאָט 167
דאָס אײַזן שמידט מען 168
וואָס איז געוואָרן פֿון ליד? 168
איך האָב געמיינט 169
סע ליגט מײַן פֿרײַנד 170
אַ טראָפּן רו 170
איך עפֿן אַ בוך מיט לידער 171
* * — פֿאַר נאַכט, סע לעשט די זון זיך 172
בין מיד 172
דער קנויל 173
האָב הנאה 173
אויף אַ שרײַבער-פֿאַרזאַמלונג 174
און אַז 175
מיר זענען געזעסן 175
צעשטויבטע לויב 175
איך ווייס, איך ווייס 176
אַ פֿייגעלע פֿליט 177
די קליינע הײַזלעך 177
אויפֿגעוועקטע וועלט 179
בײַ לערער הייסט עס 179
איך עפֿן די טיר 180
כ׳האָב געבלאָנדזשעט 180
דער זינדיקער 181
צוויי אַלטע לײַט 182
ווען ניט דאָס לשון 183
מיר גראַמען 184
בײַם שרײַבטיש 185
און ווידער דאָס אַלטע ליד 185
ווערטערמאָרד 186
טוט נאָר בליץ 186
וואָס שאַרפֿער דער ווייטיק 187
איך קום צו אײַך 188
ראַטעווע 188
שענק מיר 189
פֿאַרהיט מיך 189
און איך בין דערהרגעט 190
קאָנפֿעראַנס 191
ווען דו וואָלטסט געוואָרן 192
אַ גוטן טאָג דיר, יידיש 192

אין דאָזיקן אין פֿינפֿטן לידערבוך מײַנעם קומט אַרײַן אַ גרעסערע צאָל לידער געשריבענע אין ישראל. דאָך דאָמינירן אויך אין איצטיקן בוך די געבראַכטע לידער און מיט זיי ווערט כמעט אויסגעשעפּט דער באַגאַזש מײַנער, וואָס כ׳האָב געבראַכט אָדער, ריכטיקער, דורכגעשמוגלט פֿון רוסלאַנד.

אייגנטלעך וואָלט איך אָט די געבראַכטע לידער סײַ פֿון איצטיקן סײַ פֿון מײַנע פֿריערדיקע ביכער געדאַרפֿט אײַנטיילן אין צוויי חלקים און אויסטיילן באַזונדער די לידער געשריבענע אין די דרײַסיקער יאָרן ביז דעם סאָוועטישן פעריאָד, נאָר אַזוי ווי איך האָב זיי געהאַט פֿאַרלוירן אויף די וואָגל-וועגן פֿון די מלחמה-יאָרן און זיי אויפֿגעשטעלט לויטן יונגן זכּרון, וואָס האָט מיר בשעתו גוט געדינט און אַזוי ווי סע קאָן זײַן, אַז דאָס דורכגעלעבטע ווײַטער האָט מסתמא מיט עפּעס-וואָס זיך איבערגעמישט אינעם ״גוטן״ זכּרון, האָב איך די אײַנטיילונג ניט געמאַכט. בדרך כּלל שטעל איך זעלטן אַ דאַטע אונטער אַ ליד. פֿאַראַן לידער, וואָס כ׳האָב אָנגעהויבן אין רומעניש טשערנאָוויץ, ווײַטער געשריבן אין סאָוועטישן טשערנאָוויץ און זיי געענדיקט אין ישראל.

צי איז מײַן ווערק ווערט געווען די גרויסע שרעק עס ניט צו פֿאַרלירן, זאָל דער ייִדיש-לייענער מישפּטן. שוין זײַענדיק דאָ מיט מײַנע כּתב-ידן איז מיר די שרעק ניט תּיכּף אָפּגעגאַנגען און ערשט איצט בײַם פֿינפֿטן בוך האָב איך זיך פֿון איר באַפֿרײַט.

די נעמען פֿון די ערשטע פֿיר קאַפּיטלען אין דאָזיקן בוך טראָגן די נעמען פֿון מײַנע פֿריערדיקע פֿיר לידערביכער:

אין פֿרעמדן גן עדן — (פֿאַרלאַג ״י.ל. פּרץ״, תּל אביב 1974).
הימל און ערד — (פֿאַרלאַג ״אייגנס״, ירושלים 1974).
לידער צו אייגענע — (פֿאַרלאַג ״ישראל-בוך״, תּל אביב 1975).
שטערן אויפֿן הימל — (פֿאַרלאַג ״אייגנס״, ירושלים 1977).

דאָס פֿינפֿטע קאַפּיטל ״אַנפֿאַס און פּראָפֿיל״ איז דער המשך פֿון אַ קאַפּיטל מיטן זעלבן נאָמען אין בוך ״שטערן אויפֿן הימל״ און דאָס זעקסטע און לעצטע קאַפּיטל איז אויך דער נאָמען פֿון גאַנצן בוך ״דאָס פֿינפֿטע ראָד״.

מאיר חרץ

אין פרעמדן
גן-עדן

אין פֿרעמדן גן-עדן

דאָרט אין ווילדפֿרעמדן גן-עדן
איז ניטאָ קיין עץ-הדעת
און די שקצים מיט די מיידן
שיכּורן ביז משוגעת.

אין גן-עדן אינעם פֿרעמדן
וועלקט און פֿוילט דער עץ-החיים
און דאָס לעצטע ביסל לעבן
טרינקט לחיים
„פֿאַרן לעבן פֿאַרן נײַעם".

צווישןביימער-שטאַמען-שטאַנגען
שלענגלען זיך אין שנייען שלאַנגען
און זיי האַלטן רעדעס לאַנגע
און זיי זינגען לויבגעזאַנגען.

צו די שוטרים און די עלטסטע
די באַוואָפֿנטע און זאַטע,
די באַשוכטע און באַפּעלצטע
היטער פֿון גן-עדן-קראַטעס.

פֿון גן-עדן-קנעכט די היטער
און די סטאַלינישע ריטער
וואַרפֿן אָן אַ שרעק אַ ציטער,
אוי איז ביטער, אוי איז ביטער!

דער אויסדערוויילטער

אין אונדזער שויב — דער פּאַלאַץ, וווּ ער וווינט,
ביַי אים אין שויב — די כאַטעס, וווּ מיר וווינען,
זײַן קאָפּ איז פֿון דער מי פֿון אונדזערע הענט באַקרוינט,
ווײַל אונדזערע דאַרפֿן ניט קיין קרוינען.

ער לאָזט זיך קנעטן נאָר ווי ליים אַ שטיק,
מיר שאַפֿן אים און שאַפֿן אים אַלץ איבער.
לויט אונדזערע געשמאַקן מאָלן מיר זײַן גליק,
אין אונדזער עפּאָס ווערט ער אונדזער גיבור.

אין אונדזער חלום ווערט ער אונדזער גאָט,
צו אונדזער ווייטיק ווערט ער אונדזער היילער,
פֿאַרגלוסט זיך אונדז, איז ווערט ער אַ דעספּאָט
און אַלצדינג, וואָס סע דאַרף דער פֿאָלקס-דערציילער.

און וויל די מעשׂה, טוט ער אַל דאָס בייז
און טרעט אונדז מיט די פּיס און כּל-הרישעות טוט ער,
ביז וואַנען ס'קומט זײַן שטראָף, מיר ווערן אויסגעלייזט,
ווײַל שטענדיק איז דער סוף פֿאַר אונדז אַ גוטער.

זײַן געדאַנק

און ניט זײַן בילד, וואָס רינגלט אונדז אַרום
אויף יעדן טריט און שריט
און ניט זײַן רום וואָס פֿלאַטערט אום
פֿון מויל צו מויל, פֿון ליד צו ליד
און ניט די זאַנג
וואָס נעמט אַרום
דעם סערפּ-
און האַמער-הערב
פֿון לאַנד,
ניין!
נאָר זײַן געדאַנק,
וואָס ער האָט מיט זײַן האַנט
דער אויסגעשטרעקטער איבער אונדז

ווי איינער וואָס האָט אויפֿגעהויבן הויך די זון
און לאָזט זי מער ניט אונטערגיין,
זײַן געדאַנק וואָלט איך אײַנגערעמלט איבער מיר,
ווען זײַנע יורשים קלאַפּן ניט אין טיר
און זאָגן מיר ניט: זײַן געדאַנק דאָס זענען מיר.
זיי פֿולן אָן מײַן הויז מיט שרעק
און נעמען מיך פֿון הויז אַוועק
און גיבן צײַט מיר אויף צו זען מיט קאָפּ און האַרץ,
ווי זײַן געדאַנק איז שוואַרץ.

בילדער-פֿאַרבאָט

שטעלט אײַך פֿאָר, אַז אין לאַנד איז פֿאַרבאָטן
ניט נאָר קיין בילד, נאָר דער מינדסטער שאָטן
פֿון אָפּבילד פֿון מענטשן, גרויסע צי קליינע,
וואָלטן די ווענט געוואָרן ריינע,
וואָלט מען פֿאַרשפּאָרט אויף זיי צו קוקן,
וואָלט מען פֿאַרשפּאָרט צו זיי זיך צו בוקן,
וואָלט די הוצאה קלענער געוואָרן,
וואָלט מען אָפֿטער פֿאַרגינען זיך פֿאָרן
זומער אויף דאַטשע צו בערג און צו טאָלן,
בערג און טאָלן מעג מען גראָד מאָלן,
וויפֿל מע וועט אויף זיי ניט קוקן,
וועט זיך קיינער צו זיי ניט בוקן.

פֿון קליינערהייט

פֿון קליינערהייט האָט זי געצויגן זיך צו זיי,
פֿאַר איינס פֿון זיי דערנאָכדעם חתונה געהאַט,
ווען ער, איר מאַן, וואָלט ניט געוועזן אין פּאַרטיי,
וואָלט זי אַפֿילו זיך געשמדט.
פֿון קליינערהייט האָט זי געצויגן זיך צו זיי.

דער פֿאָטער האָט זי ליב געהאַט ווי מ׳האָט ליב אַ קינד,
די מוטער האָט געצערטלט איר געשמאַק,
נאָר שׂנאה איז, ווי מע ווייסט, ווי די ליבע בלינד

און קעגן פֿאָטער אייגענעם האָט זי געשאַרפֿט אַ האַק.
דער פֿאָטער האָט זי ליב געהאַט ווי מ׳האָט ליב אַ קינד.

איר מוטער האָט זי אָפּגעפֿירט אַהיים צום גוי,
געבענטשט איר זיווג ווי, להבֿדיל, ערבֿ-שבת ליכט,
איר פֿאָטער האָט געזאָגט זאָל זײַן אַזוי,
דער שניט אויף אַלטן האַרצן זיך פֿאַרריכט.
די מוטער האָט זי אָפּגעפֿירט אַהיים צום גוי.

נאָר ווען די מוטער איז געשטאָרבן און אַליין
געבליבן איז דער פֿאָטער אויף דער וועלט,
געפֿאַלן איז די האַק ווי ס׳פֿאַלט אַ שטיין
אַן אָנגעשאַרפֿטע ווי אַ שווערע שווערד.
דער פֿאָטער איז געבליבן אויף דער וועלט אַליין.

די ק.ג.ב-לײַט

די ק.ג.ב-לײַט לייענען ניט קיין לידער
און קענען ניט דעם דיכטער פֿון זײַן בור,
זיי קענען בלויז דעם גוף זײַנעם, די גלידער,
צעשלאָגענע פֿון זיי בעת אַ נאַכט-באַזוך.

די ק.ג.ב-לײַט קענען ניט דאָס שאַפֿן
פֿון זייערע קרבנות אויף דער פֿרײַ,
זיי זאַמלען בלויז "חתימות", "אויטאָגראַפֿן"
אויף פּראָטאָקאָלן מיט אַ פּאַטש און מיט אַ שפּײַ.

זיי קוקן אויפֿן פֿאָלק, וואָס אויף די גאַסן
ווי אויף די פֿײַנט פֿון פֿאָלק. געוויס, געוויס...
פֿאַרדינען זיך דאָס שטיקל ברויט מיט האַסן
און שטיוול — מיטן שלאָגן מיט די פֿיס,
מיט טרעטן אויפֿן גוף און אויף די גלידער

די ק.ג.ב-לײַט לייענען ניט קיין לידער.

די קרעמל-שפּיל

הונדערט סטאַלין-ביאָגראַפֿיעס האָבן הונדערט שרײַבער אָנגעשריבן
און פֿון אַלע הונדערט האָט זיך סטאַלין איינע אָפּגעקליבן
און דעם שרײַבער זיך געהייסן ברענגען
אויפֿצושטעלן אויף אַ הויכן בענקל
און אים הענגען
נאָר פֿאַרן טויט געהייסן אים אַ לענין-אָרדן שענקען.

ס׳איז אַ קרעמל-שפּיל אַזאַ צווישן קרעמל-ווענט און טורעמס,
פֿריִער נעמט מען אויף דעם קרבן, סטאַלין האַלט אים אין די אָרעמס
און ער קושט אים פֿאַר דער תּליה, ער אַליין איז אויך דער תּליין,
ער אַליין און ניט קיין צווייטער
יאָסיף סטאַלין
אויפֿן העכסטן שטאַפּל פֿון דער לייטער.

איר אַלע

אַלע אַלע זענט איר דאָך תּליינים,
ווער מיט אַ שיין און ווער מיט אַ שענער פּנים.
אַלע אַלע איר פֿון הײַנט און איר פֿון נעכטן
פֿוילט איר זיך אַליין די שטריק צו פֿלעכטן
און דעם קרבן בינדן און דעם קרבן ברענגען
און דעם שליף צו מאַכן און דעם קרבן הענגען
און צו קוקן אים אין אויסגעבלויטן פּנים.
אַלע אַלע זענט איר דאָך תּליינים.

אַלע אַלע זענט איר הענקער, קאַטן,
פֿריִער זעצט איר אײַן דעם קרבן הינטער קראַטן,
נאָך דעם גרייט איר פֿאַר די עדות צו די טעקסטן
פֿאַרן ערשטן, צווייטן, דריטן, פֿערטן, זעקסטן
און דעם פּסק אַ פֿאַרטיקן שיקט איר צו די ריכטער,
פֿאַרן אמת זאָרגט איר אויך, פֿאַר דער געשיכטע,
היטנדיק דעם קרבנס חתימה און זײַן וידוי זאָגן
אָבער ניט דעם קרבנס פֿינגער די צעבלוטיקטע בײַם שלאָגן.

אַלע אַלע זענט איר פֿײַנע בירגער,
אויסגעדינטע, פּענסיאָנירטע, מעדאַלירטע ווי די קריגער,

וועלכע האָבן אויף די פּראָנטן גאַנצע אבֿרים אָפּגעגעבן,
אַז איר זאָלט מיט זייערע ווײַבער אין די בעטן זייערע לעבן
און איז ווער אַרײַנגעפֿאַלן אין דעם שׂונאס פֿײַערנעצן,
איז ער אויסגעלייזט געוואָרן, אַז איר זאָלט אים קאָנען זעצן
אין די תּפֿיסות, אין די לאַגערן פֿאַרשפּאַרן — —
אַלע אַלע זענט איר ערגער פֿון די צאַרן.

נאָכקוקער

ווער שאַרט זיך דאָרטן הינטער מיר מיט אַ טראָט אַ שטילן ?
אַ יונגע בלאָנדע פֿרוי אין טונקעלע זומער-ברילן,
וואָס קוקן נאָך און קוקן, קוקן, קוקן
און רוקן זיך און שטעכן מיך אין רוקן.

זי לאָזט אַראָפּ דעם בליק, איך פּלאָנטער זיך ווי שכּור.
איר בליק איז ווי אַ שפּיז, וואָס שנײַדט די פּיס אויף שטיקער,
איך זעץ אין טראַמוויַ זיך, זי זעצט זיך אויך צו פֿאָרן —
אַ שווערער פּאַסאַזשיר אַזאַ אויף מײַנע אַלטע יאָרן.

ז'איז ניט אַליין, זי פֿאָרט מיט צוויי באַגלייטער,
דער ערשטער איז אַ קליינינקער, אַ הויכער איז דער צווייטער,
זיי פֿירן זי ווי סוטעניאָרן אַ זונה אין אַ קלײַזל
און אַלע דרײַ צופֿרידענע אויף מיר דעם יאָלד זיי ווײַזן.

דער נאָמען

די קלאַנגען פֿאַרקלינגען, ווערטער זיך לעשן,
סע בלײַבט נאָר דער מעשענער נאָמען פֿון ליד,
וואָס ציט דורך דורות מיט אַנדערע מעשן
און ציט זיך און ציט זיך און ציט.

דער נאָמען פֿון ליד און דער נאָמען פֿון זינגער,
וואָס האָט עס געזונגען, דאָס ליד, אין זײַן לאַנד,
די קלאַנגען פֿאַרקלינגען ווי פֿידל-פֿינגער,
וואָס פֿאַלן אַראָפּ פֿון אַ טויטער האַנט.

די קלאַנגען פֿאַרקלינגען, דער נאָמען איז אויבעט
געבויט דאָך פֿון קלאַנגען, פֿאַרקלינגען זיי נאָך,
סע בליט שוין אַ נאָמען אַ נײַער — פֿון שוחט,
וואָס האָט זיי געקווילעט ערשט יענע וואָך.

טרויער, ברודער, טרויער

טרויער, ברודער, טרויער,
נאָר מע טאָר ניט וויינען.
אינעם אָפֿענעם טויער
פֿאַר די שלעכטע שכנים.

ביטער, ברודער, ביטער,
פֿינצטער אין די אויגן,
פֿאַר די טויער-היטער
דאַרף מען זיך פֿאַרנייגן.

זויער, ברודער, זויער,
נאָר מע טאָר ניט קלאָגן,
אינעם אָפֿענעם טויער
טאָר מען גאָרניט זאָגן.

אויב איר קומט אַ מאָל

אויב איר קומט אַ מאָל קיין טשערנאָוויץ צו פֿאָרן,
זײַט אַ בעלן, הייבט אײַך אויף דאָרט אויפֿן פֿערטן גאָרן,
אויף טשאַגאָרסקע אַכציק זיבן, פֿערצנטע קוואַטיר,
קלינגט דאָרט אָן, איר וואַרט ניט לאַנג, מע עפֿנט אײַך די טיר
און מע נעמט בײַ אײַך דעם מאַנטל, די קאַלאָשן און דעם הוט
און מע רוקט אײַך צו אַ בענקל און מע בעט אײַך: זיצט און רוט,
קוקט אײַך אײַן דאָרט אין דער גלאָז, וואָס מע שטעלט אײַך אויפֿן טיש —
ס׳האָבן זיך אין איר געטראָפֿן און זיך אויסגעמישט
צוויי-דרײַ שטיקלעך צוקער פֿון האַוואַנאַ
און אַ לעפֿעלע קאַקאַאָ אַזש פֿון גהאַנאַ
מיט דער פֿרישער מילעך, וואָס געבראַכט
פֿונעם דאָרף טשאַגאָר אַ זייגער אַכט,
מ׳האָט געקאָכט זי אויפֿן גאַז, וואָס שטראָמט אַהער

דורך אַ לאַנגער, ווערסטנלאַנגער רער —
"טרינקט געזונטערהייט, וואָס האָט איר זיך פֿאַרקלערט ?"
"גאָרניט, גוטע מילך, פֿעטע מילך, פֿרישע, ערשט פֿון ברי"
"און דער צוקער, די קאַקאַאָ ?" — "שמאָנצעס, ניט פֿון הי".

טעלעפֿאָן

מײַן טאָכטער שרײַבט אונדז בריוו און שיקט אונדז בילדער,
מײַן ווײַטע טאָכטער איז אי שיין אי יונג,
האָט נעכטן ערשט געטאָן צו אונדז אַ קלונג,
געבעטן : טאַטע, זינג ניט קיין "פּאַפּירענע קינדער".

איך בין ניט קיין פּאַפּירענע, די ווערטער
פֿון יענעם אַלטן לידל, וואָס איר זינגט
און ניט פּאַפּיר בײַ אײַך אין שטוב איצט קלינגט,
סע קלינגט מײַן קול, די שטימע מײַנע הערט איר.

איך רעד צו אײַך פֿון ווײַטן, פֿון וואָראָניעזש
און אײַער קול פֿון טשערנאָוויץ איך הער,
עס ענדערט זיך ניט אויפֿן וועג אַהער,
מע פֿילט ניט, אַז מיר רעדן טעלעפֿאָניש.

און זײַט געזונט — — זי לייגט אַוועק דאָס טרײַבל
"מע פֿילט ניט" זאָגט זי, אַז מיר רעדן, אוי, מע פֿילט,
מע קאָן ניט רעדן ווי מע קאָן ניט שרײַבן
אין גאַנצן וואָס מע טראַכט און וואָס מע וויל.

ניט קיין האָנאָראַר

ניט קיין האָנאָראַר
קריג איך פֿאַר מײַן ליד,
איך באַקום כאַבאַר
נאָר דערפֿאַר, דו נאַר,
ווײַל איך שטיי אַקעגן האַר
און איך דונער ניט.

ס׳איז קיין מעלה ניט,
וואָס מײַן ליד איז שטיל
און ס׳איז דין מײַן ליד,
ווײַל דעם מינדסטן שניט
טוט עס קיינעם ניט,
ווו מע דאַרף, אין ציל.
ס׳איז אַ שטילקייט גלאַט
ניט צו שטערן אים,
ווען ער לייגט זיך זאַט.
ווייך און אַקוראַט
דעקט ער צו זײַן שמד
מיט מײַן זיסער שטים.

אַ חלום וויגט די שטאָט

אַ חלום וויגט די שטאָט מיט גאַסן ברייטע, שמאָלע
און וויגט די לאָמפּן אײַן אויף יעדער גאַס באַזונדער.
דאָס וויגליד טראָגט אַראָפּ די שטאָט אין יענע טאָלן,
ווו אַלע פּראָסטע זאַכן ווערן וווּנדער.

וואָס איז דאָס גראָז וואָס וואַקסט אַליין אויף סטעפּעס,
וואָס זענען זיי די ווילדע קרומע טײַכן?
איך האָב די נאַכט געזען אין חלום עפּעס,
מיט וואָס עס קאָן זיך ניט די ווילדע וועלט פֿאַרגלײַכן.

איך האָב געזען אַ פֿענצטער פֿײַן געשליפֿן,
וואָס קוקט אַראָפּ אויף שטיינערדיקע גאַסן
און איך האָב צווישן הײַזער ווי פֿון טיפֿן
אַרויפֿגעקוקט צו הימלדיקע פּאַסן.

כ׳האָב ליב אויף יעדער גאַס דעם הימלפּאַס דעם שמאָלן,
דעם בלאָען דאַך, וואָס איבער אַלע דעכער,
עס וואַקסט די שטאָט, וואָס חלומט אין די טאָלן
אַריבער אַלע בערג און העכער, העכער, העכער.

עס חלומט זיך דער שטאָט אַן אַלטער חלום,
וואָס ס׳האָט געחלומט נאָך דער בבֿל-טורם דער ערשטער

און ניט קיין הונדערט שפּראַכן וועט עס ווי אַ מאָל אים
צעשטערן נאָר אַ שפּראַך אַן איינציקע, אַ הערשער.

אַ חלום וויגט די שטאָט מיט גאַסן ברייטע, שמאָלע
און וויגט די לאָמפּן אײַן אויף יעדער גאַס באַזונדער.
דאָס וויגליד טראָגט אַראָפּ די שטאָט אין יענע טאָלן,
וווּ אַלע פּראָסטע זאַכן ווערן וווּנדער.

ניט פֿונעם שלאָף

שפּעט בײַ נאַכט ווען אַלע שלאָפֿן
ווער אין די אייגענע בעטן
מיט איבערגעדעקטע קעפּ
און ווער אין דרויסן אויף פֿרעמדע טרעפּ,
הער איך ווי די שלאָפֿערס רעדן,
זיי רעדן אין מיר
און ניט פֿונעם שלאָף
און אַלע פֿרעגן זיי בײַ מיר,
וואָס וועט זײַן דער סוף?
און איך וואָס וויים ווייניקער פֿון זיי
קוק אויפֿן ערשטן ווײַסן שניי,
וואָס האָט ווײַס געמאַכט די נאַכט
און טראַכט:
וואָס וועט זײַן דער סוף?
דער סוף פֿונעם שניי איז ווײַט.
דערווײַלע פֿירן די אָרעמע לײַט
וואָס שלאָפֿן אויף די טרעפּ.
וואָס חלומען זייערע פֿאַרפֿרוירענע קעפּ?
וואָס חלומען די וואָס שלאָפֿן אין בעטן,
וואָס חלומען די וואָס שלאָפֿן ניט,
וואָס חלומען די פּאָעטן?
און וואָס וועט זײַן דער סוף פֿונעם ליד
פֿון דאָזיקן טרויעריקן ליד
וואָס וועט זײַן דער סוף?
אַלע שלאָפֿערס רעדן אין מיר
און ניט פֿונעם שלאָף.

אין סטעפּ

איך שטרעק די אויגן אויס אין סטעפּ
פֿאַר טאָג בײַם שײַן פֿון האַלבער זון,
ווען ס'ווערן בלאָנד די גרויע צעפּ
פֿון וואָלקנס און עס וואַקסן טרעפּ
אין סטעפּ אין פֿלאַכן רונד אַרום.

די זון הייבט אויף איר פֿולן קאָפּ,
צעפֿלאַמען זיך די צאַרטע טרעפּ
און ס'נידערן די טרעפּ אַראָפּ,
פֿון זייער הייך צוריק אַראָפּ
און ציִען לענגער אויס דעם סטעפּ.

אַן אַקער-טראַקטער כאַפּט זיך אויף
און פֿאַרבט די פֿעלדער אָפּ אויף שוואַרץ
און ס'ליגט דער שוואַרצער פֿרישער גוף
צעשטרעקט און ס'אָטעמט אָפּ און אויף
זײַן ברייט צעכראַסטעט אָפֿן האַרץ.

פֿון טראַקטער קריכט אַראָפּ אַ יונג
און קריכט אַרונטער צו אַ שרויף
און שרויפֿט זי אײַן און ס'טוט אַ קלונג
און ס'טוט אַ רויש און ס'טוט אַ זונג
אַזש ביזן סאַמע ווײַטסטן הויף.

איך שטרעק די אויגן אויס אין סטעפּ
פֿאַר נאַכט בײַם שײַן פֿון האַלבער זון,
ווען ס'ווערן רויט די בלאָנדע קעפּ
פֿון וואָלקנס און סע וואַקסן טרעפּ
אין סטעפּ אין שוואַרצן רונד אַרום.

איך שטרעק די אויגן אויס. ס'איז נאַכט,
איך צי צוריק זיך און איך בליק
אַרײַן אין זיך און וואָס מיר דאַכט,
אַז גאָר מײַן פֿרייד איז אויסגעטראַכט
און אויסגעטראַכט איז גאָר מײַן גליק.

דער סטעפּ איז שיין און ווערט באַלד גרין
און ווערט באַלד געל פֿון ריַיפֿן ווייץ
נאָר פּרווו און שיק מיַין ליד אַהין
צום יונג און זאָג אים ווער איך בין
איז ווערט ער תּיכף אויפֿגערייצט
און שריַיט, אַז כ׳האָב זיַין גאָט געקרייצט.

איך שטרעק די אויגן אויס אין סטעפּ
פֿאַר טאָג ביַים שיַין פֿון האַלבער זון,
ווען ס׳ווערן בלאָנד די גרויע צעפּ
פֿון וואַלקנס און עס וואַקסן טרעפּ
אין סטעפּ אין פֿלאַכן רונד אַרום.

אין רוסישן וואַלד

1

טיף אין וואַלד, אין האַרץ פֿון דער געדיכטעניש,
דאָרטן ווו די שרעק איז מיינסטן וואָר,
וואָך צו יעדער שאָרך און אומגעריכטעניש,
ציטערט אויף מיַין האַרץ אין מיטן נאַכט.

יונגע הערצער, שאַדט ניט, מעגן ציטערן
און זיך שרעקן פֿאַר אַ וואָלף, אַ בער
און זיך שרעקן פֿאַר די וואַלד-געוויטערן,
נאָר דאָס האַרץ מיַינס איז ניט יונג שוין מער.

האָב איך זיך אין אַנגסטן און אין ציטערניש
איַינגעמאָסטעט אויף דער קילער ערד,
אויפֿן סאַמע דנאָ פֿון גאָר דער פֿינצטערניש
פּלוצים עפּעס אומגעריכטס דערהערט.

2

כ׳בין אין וואַלד דאָ מיט געוואַלט פֿאַרבליבן
און פֿאַר נויט דאָס שענסטע ליד געגנאָסן,

דאָס, וואָס לערמאָנטאָוו וואָלט אָנגעשריבן,
ווען מאַרטינאָוו וואָלט אים ניט דערשאָסן.

כ׳האָב אין וואַלד דאָ מיט געוואַלט גענעבטיקט
און דעם וואַלד געהערט דערציילן, דאַכט זיך,
דאָס צו וואָס טאָלסטאָי וואָלט זיך געמעבטיקט,
ווען ער וואָלט געלעבט די צווייטע אַכציק.

ס׳איז צום שטוינען ממש, ס׳איז צום גאַפֿן,
ווי די שרעק פֿאַרשפּילט, פֿאַרוויגט איר קרבן.
כ׳לייען די ווערק, וואָס טשעכאָוו וואָלט געשאַפֿן,
ווען ער וואָלט ניט אַזוי יונג געשטאָרבן.

3

אַ שפּראָץ אויף טאָג און אַלץ איז פֿאַרגעסן,
קיין שורה, קיין וואָרט ניט פֿאַרגעדענקט,
כאָטש כ׳בין אַ נאַכט דאָ אָפּגעזעסן,
אין נאַכטישער שרעק צום טאָג געבענקט.

דער טאָג פֿאַרשטעלט מיט אַ מאָל די רוימען
און נעמט עפּעס אייגנס פֿון מיר אַוועק,
פֿאַר פֿרעמדע ווערק, פֿאַר אייגענע טרוימען
ווערט ענג אין מײַנע געמאָסטענע טעג.

איך נעם אַ האַק, אַ זעג, אויך פֿײַער
און כ׳האַק און לייג אַוועק אַ בוים,
דעם לאַנגן רונדן שטאָם באַפֿרײַ איך
פֿון זײַן אַרומגעהאַקטער קרוין.

און צינד אָן די צווײַגן און צום שײַטער
איך וואַרף אויך מײַנע זעונגען צו
און מאָדנע אָן רויך און אויסגעלײַטערט
זיי שטײַגן און טראָגן מיך ערגעץ ווו.

אין לערמאָנטאָווס האַרץ

אין לערמאָנטאָווס האַרץ, אין לערמאָנטאָווס ליד
האָט אויסגעשאָסן מאַרטינאָוו, דער המן.
אַן אַנדער מאַרטינאָוו, לעאָניד
האָט אויסגעלייזט מיט זײַן ליד דעם נאָמען.

די רויטע אַרמיי

אַזוי ווי דער ניל גייט אַרויס פֿון די ברעגעס
באַמיסטיקט דאָס פֿעלד מיטן פֿרישן פֿאַרזיי,
אַזוי האָט זיך ברייט אויף די רוסישע סטעפּעס
צעגאָסן די קראַפֿט פֿון דער רויטער אַרמיי.

עס ווערן די דײַטשן פֿאַרפֿלייצט פֿונעם פֿײַער,
וואָס יאָגט ווײַט אַריבער זייער לויפֿן צוריק
און שטאַרק איז דער שטראָם פֿון די רויטע אַרמייער,
וואָס טרענקען די קריגער אין אייגענעם קריג.

און שטאַרק איז די קראַפֿט פֿון די פּראָסטע סאָלדאַטן
און מעכטיק דער דראַנג צו באַפֿרײַען די ערד
און ניט קיין רעדעס און ניט קיין פּלאַקאַטן —
זיי האָבן דאָס קול פֿון די זיידעס דערהערט.

דער לעצטער עכאָ

דער לעצטער עכאָ פֿונעם לעצטן שאָס
האָט אָפּגעקלונגען איבער חורבֿות, קבֿרים
און ס׳האָט נצחון־שײַן געטון זיך אַ צעגאָס
פֿון מזרח־זײַט, פֿון מערבֿ און פֿון דרום.

די שוואַרצע כמאַרעס פֿונעם שוואַרצן לאַנד
געגרווילט זיי האָבן אונדזער וועלט די גאָרע,
אַז ס׳האָט זיך אויסגעלײַטערט אונדזער קאַנט
איז לויטער אויך אין מערבֿ און אין דרום.

דער האַקנקרייַץ, די צווייענדיקע שלאַנג,
צעטראָטן ליגט אין שטויבן ווי אַ וואָרעם
און טאָג פֿאַרבלייַבט אויך נאָכן זונפֿאַרגאַנג
אין מזרח-זייַט, אין מערבֿ און אין דרום.

און ווי אונדז אַלע, אויב ערגעץ אַ מאַכט
וועט ווידער אויסשטרעקן אַן אַנגעלאָדענעם אָרעם,
סע קען, חלילה, ווערן ווידער נאַכט
אין מזרח, מערבֿ, צפֿון און אין דרום.

איך זע אים

אין ליכטיקן זאַל אויפֿגערוימטן
איך זע אין אַ ווינקל אים זיצן
דעם לייענער דעם שטילן, פֿאַרטרוימטן,
דעם יונגן-און-אַלטן,
וואָס טראָגט אין די בלוטן באַהאַלטן
די קעלטן און היצן
פֿון פֿראָנטן.

אויף דאָרפֿישע וועגן אויף שטילע
איך זע אים דעם העלד — אומבאַקאַנטן
אין פֿרידלעכע קליידער ציווילע
דעם יונגן-און-אַלטן,
וואָס טראָגט אין די בלוטן באַהאַלטן
די היצן און קעלטן
פֿון פֿראָנטן.

אויף נייַע געפֿלאַסטערטע וועגן
איך זע אין אויטאָבוסן פֿאָרן
געשיצט פֿונעם ווינט און פֿון רעגן
דעם יונגן-און-אַלטן,
וואָס טראָגט אין די בלוטן באַהאַלטן
די שטורמישע יאָרן
פֿון פֿראָנטן.

איך זע אים בייַם ראָד און בייַם רודער,
איך זע אים בייַם טעסען די שטיינער,

איך האַלט פֿאַר אַ פֿרײַנד אים, אַ ברודער
דעם יונגן-און-אַלטן,
וואָס טראָגט אין די בלוטן באַהאַלטן,
אין מאַרך פֿון די ביינער
די פֿראָנטן.

איך זע אים אין תּפֿיסה צוזאַמען
מיט מיר און מיט אַנדערע זינדער,
עס וועט אים ניט זען מער זײַן מאַמע
דעם יונגן, דעם אַלטן,
וואָס טראָגט אין די בלוטן באַהאַלטן
די בענקשאַפֿט צו ווײַב און צו קינדער,
די בענקשאַפֿט די אַלטע
פֿון פֿראָנטן.

בײַ אַ ברעג פֿון שוואַרצן ים

בײַ אַ ברעג פֿון שוואַרצן ים —
הונדערט צען סאַפּיאָרן.
ווינט צעבלאָזט אין האַרץ דעם פֿלאַם
פֿײַער שמידט אין בלוט דעם צאָרן.

פֿון דערפֿער, שטעט פֿאַרשידענע
זיך צונויפֿגעקליבן,
מיט לאָפּעטעס געשליפֿענע
אויף דער ערד געשריבן.

ניט אומזיסט געהאָרעוועט,
ניט אומזיסט געליטן,
צאָרן אויסגעהאָדעוועט
און מיט אים געשניטן.

צאָרן אויסגעהאָדעוועט
און מיט אים געגראָבן,
לאָפּעטעס געשליפֿענע
דאַרף מען שטענדיק האָבן.

בײַ אַ ברעג פֿון שוואַרצן ים —
הונדערט צען סאַפּיאָרן,
ווינט צעבלאָזט אין האַרץ דעם פֿלאַם
פֿײַער שמידט אין בלוט דעם צאָרן.

טעמריוק האַרבסט 1941

אויף באַפֿרײַטע ברייטע גאַסן

אויף באַפֿרײַטע ברייטע גאַסן
וואַרטן חורבֿות אויף די בויער,
קומען שטיינער אויף די אַקסל
פֿון אַ שילער, פֿון אַ פּויער.

ווײַטער רוקט זיך אָפּ דאָס שיסן
צו דעם הינטערלאַנד פֿון שׂונא,
ס׳איז זײַן הויז שוין אויפֿגעריסן,
זאָל ער אין אַ קבֿר וווינען.

זאָל ער אויך דעם טעם פֿאַרזוכן
פֿון אַ באָמבע אויף זײַן דאַך דאָרט,
פֿאַרן שוידער זאָל ער זוכן,
ניט געפֿינען אַזאַ שפּראַכוואָרט.

זאָלן גרויזאַמע האַרמאַטן
אַזאַ זעץ טון אויף זײַן שאַרבן,
מיט זײַן קאָפּ, דעם האָרלאָז-גלאַטן,
זאָלן זיך די קראָען וואַרגן.

אויב מיר זענען יאָ פֿאַרבליבן
נאָכן מאָרדן אונדז און קוילען,
איז אַ סימן, אַז דאָס לעבן
איז בײַ אונדז און ניט בײַם שׂונא.

די ווינטן טראָגן אַוועק

די ווינטן טראָגן אַוועק
די רויכעס פֿון פֿאַבריקן
און פֿירן זיי אָפּ צום ברעג,
ווו ס׳גרייכן ניט אונדזערע בליקן.

די ווינטן טראָגן אַוועק
די רויכעס פֿון זאַוואָדן
און קערן זיך אום צוריק
און קלאַפּן אין אונדזערע לאָדן:

"מיר האָבן ערשט אָפּגעפֿירט
אַרויף צו הויכע רוימען
דעם רויך, וואָס האָט זיך געריירט
און איז אַרויס פֿון קוימען.

"איצט קומען מיר צו אײַך,
אײַך וועקן פֿון די געלעגערס
און טרעפֿן די הײַזער באַלײַכט
און קלינגענדיק די זייגערס.

"מיר טרעפֿן אײַך אַלע וואַך,
נאָך איידער דער האָן האָט געקרייעט,
אין דרויסן איז איצט נאָך נאַכט,
אין דרויסן האָט אָנגעשנייעט.

נאָר אין זאַוואָד איז הייס
פֿון רויטן קעסל-פֿײַער,
וואָס איז ווי די זון די גרייס
און ווי די טאָגשײַן טײַער.

דאָרט שטייען אין זומער-שווייס
די מענטשן פֿון אײַערע צעכן
אַזוי ווי ריזן די גרייס
אין פֿאַרטעכער ווי בלעכן

ס׳איז ווינטער. ווײַט נאָך צו טאָג,
דאָך זייגערס מעסטן די צײַטן,

די נאַכטשיכט וואַרט אין זאַוואָד,
מע זאָל זי קומען בײַטן.

די ווינטן פֿליִען אַוועק
צוריק צום רויך פֿון זאַוואָדן
און ס'ווערט דער שטיינערנער וועג
מיט שטיינערנע טריט באַלאָדן.

דער שטיינערנער וועג איז פֿאַרשנייט,
נאָר גרויסע טריט זענען שווערע,
דער סקריפּ אינעם שניי דערגייט
צו ווײַטן און לאָזט זיך הערן.

צו דער אַרבעט

פֿון אַלע חלומות דורך דער נאַכט
געבליבן איז מיר ניט קיין איינער,
אַפֿילו דאָס מיידל, וואָס האָט געלאַכט,
די קלאָגמוטער אויך ניט, קיינער.

דער טאָג קוקט ווידער דורך דער שויב
און וואַרט ניט, ביז איך וועל זיך רירן
און פּונעם געלעגער זיך טון אַ הייב
און עפֿענען אים די טירן.

די קליידער ליגן האַלב אויף דער ערד
אַהין און אַהער צעוואָרפֿן.
וואָס וואָלטן די קליידער געהאַט פֿאַר אַ ווערט
אָן דעם וואָס ער טוט זיי באַדאַרפֿן?

ניטאָ וועז צו טראַכטן, איך טו זיך אַ וואָרף
אַרויס צום טראַמוויי צום ערשטן
און שטייענדיק לייען איך אין בלאַט וועגן דאָרף —
שוין צײַטיק, מע שנײַדט שוין דעם גערשטן.

דערנאָך ווען איך זיץ שוין, איך וויקל אַרויס
פֿון נעכטיקן בלאַט דעם פֿרישטיק,

די בילדער פֿון נעכטיקע פֿירער גרויס
און היינט שוין פֿײַנט גאָר, נישטיק.

מיר דינט פֿאַר אַ טיש דער פֿאַרברעקלטער שויס,
איך שייל אָפּ די אייער די האַרטע
און, קײַענדיק, שפּײַ איך דרײַ מאָל אויס
און אײַל זיך און אײַל צו דער אַרבעט.

בויונג

שטייט דער הייבקראַן, ווי אַ בושל, אויף איין פֿוס און ווערט ניט מיד,
שטרעקט דעם האַלדז אין אַלע זײַטן, ציט זיך, ווי עפּעס דערגרייכן,
הייבט אַ קויש מיט ציגל אויף, אַ קלאָץ פֿון שטיין, אַ פֿעסל טינק
און דערלאַנגט עס צו די פֿינגער פֿון די בויער אין די הייכן.

וואַקסן ווענט אַרום די ראַמען, וווּ די פֿענצטער וועלן זײַן,
וואַקסן ווענט אַרום די ראַמען וווּ סע וועלן זײַן די טירן,
הייבט דער קראַן די טיר-און-פֿענצטער און מע שטעלט זיי גלײַך אַרײַן,
פֿענצטער ברייטע איבער פֿענצטער און די טירן איבער טירן.

קוקן שכנותדיקע הײַזער אויפֿן נײַעם שכן-הויז,
קוקן העט אַרויף-אַרויף צו דעם סאַמע העכסטן גאָרן,
און סע חלומט זיך די הײַזלער, אַז זיי וואַקסן אויבעט אויס,
ווי דאָס הויז, וואָס איינס-און-צוויי איז עס אויסגעבויט געוואָרן.

ווי אַ בושל שטייט דער הייבקראַן אויף אַ נײַעם בויונגס-פּלאַץ,
שטרעקט דעם האַלדז אין אַלע זײַטן, ציט זיך, ווי עפּעס דערגרייכן,
הייבט די ציגל און די קלעצער און דעם טינק, ווי אויף אַ טאַץ
און דערלאַנגט עס צו די פֿינגער פֿון די בויער אין די הייכן.

דער שטאָטגערויש

סע רוישט די שטאָט, סע קרײַזט איר בלוט אין גאַסן ווי אין אָדערן,
זי עפֿנט ברייט די שפּײַכלערס אויף און זאַמלט דאָס געדעטעניש,

זי שפּײַט די שאָלעכץ אויס פֿון מויל און שלינגט אַראָפּ די יאָדערן
און ערגעץ ווײַט אַרויס דער שטאָט זעט אויס די שטאָט אַ רעטעניש.

און ערגעץ ווײַט אַרויס דער שטאָט מיט אַקעראײַזנס שטאָטישע
דער שטאָטגערויש צעאַקערט טיף דאָס פֿעלד דאָס ערשט געשניטענע,
דער שטאָטגערויש גלײַכט אויס דעם וועג, די סטעזשקע די כאַאָטישע
און טרײַבט פֿון וועג אַראָפּ דאָס פֿערד דאָס אַלטע אָפּגעריטענע.

און ערגעץ ווײַט אין צענטן דאָרף מיט הײַזעלער אַלטמאָדישע
דער שטאָטגערויש בויט אויס אַ הויז אַ שטאָטישע, פֿילשטעקיקע
דער שטאָטגערויש בויט אויס אַ שול אַ הויכע אַ גרויסשטאָטישע
צו לערנען דאָרט אי לויבגעזאַנג אי טויבגעזאַנג מיט ווערטער אונטערטעניקע.

סע רוישט די שטאָט, סע קרײַזט איר בלוט אין גאַסן ווי אין אָדערן,
זי עפֿנט ברייט די שפּײַכלערס אויף און זאַמלט דאָס געריטעניש,
זי שפּײַט די שאָלעכץ אויס פֿון מויל און שלינגט אַראָפּ די יאָדערן
און פֿאַר די שטערן אין דער הייך זעט אויס דאָס אַלץ אַ רעטעניש.

פֿון בויונג צו בויונג

פֿון בויונג צו בויונג מיר טראָגן אַריבער די הענט,
מיר לייגן אַרויף זיי אויף ציגל און נעמען אַראָפּ זיי פֿון ווענט,
מיר הייבן זיך אויף אויף די לייטערס און גייען אַראָפּ פֿון טרעפּ,
מיר שטײַגן אַרויף אויף דעכער און קוקן אין ווײַטן סטעפּ.

דער סטעפּ איז צעפֿעלדערט, צעוועלדערט, צעבערגלט, צעטאָלט און צעטײַכט,
אַ וואָלקן פֿאַרטונקלט די בילדער און ס'מאַכט זיי דער רעגן פֿײַכט,
דערנאָך קומט די זון די מילדע, ווידער ווערט לײַכט און העל,
מיר בויען אַ שטאָקיקן שפּײַכלער, אפֿשר וועט מאָרגן זײַן מעל.

מיר בויען אַ פֿאַרביקן גאָרטן לויט אַ געמאָלטן פּלאַן,
מיר מעסטן דעם וועג צו די שטערן און בויען אַהין צו אַ באַן,
מיר שיקן אַ שיף צו דעם אינדזל, וואָס ווײַזט זיך בײַ נאַכט מיט שײַן
און ברענגען פֿון דאָרטן שטיינער און מויערן דאָ זיי אַרײַן.

מיר האַקן דאָס אײַז אין צפֿון און פֿלאַנצן אין דרום טיי,
מיר וועקן אין דרום די בלומען און פֿלאַנצן זיי איבער אין שניי,
מיר בויען אַ בינשטאָק פֿאַר בינען ניט ווײַט פֿונעם קאַרשנסאָד
און שלינגען דעם שווייס פֿון די שטערנס בײַם ברענגען דעם האָניק אין שטאָט.

צו גאַגאַרינען

אַ קינד אַפֿילו ווייסט, אַז ס'איז די ערד אַ קײַלער,
נאָר קיינעם איז ביז דיר ניט געווען באַשערט
צו קוקן פֿון דער ווײַטנס, פֿון אַזאַ מהלך
און ווי אַ גלאָבוס זען דעם קײַלער פֿון דער ערד.

האָסט אומגעקערט זיך צו דער ערד און אָפּגעאָטעמט
און מיט די אייגענע, מיט ווײַב און קינד, אין פֿריידן זיך געקושט
און אויפֿן טיש דערזען דעם גלאָבוס ווי אין חלום,
האָסטו פֿאַרחידושט זיך: ווי האָט מען עס געוווּסט?

אָט דאָס איז ער דער אויפֿטו פֿונעם מענטש דעם פּראָסטן,
וואָס האָט פֿון שטיקלעך פֿעלד צונויפֿגעקלעפּט די ערד,
וואָס האָט אויף זעגלשיף די ימען אויסגעמאָסטן
און איידער האָסט דערזען די וואָר, האָט ער זי אויסגעקלערט.

אָט דאָס איז ער דער אויפֿטו פֿון דעם דורותדיקן מענטשן,
פֿון מאַלפּע ביזן מלאך, פֿון קריכן ביזן פֿלי.
מיט וועלכע נײַע ברכות דאַרף מען איצטער בענטשן
די אויפֿטועכן פֿון זײַן דורות-לאַנגער מי?

אַ קינד, אַפֿילו, ווייסט, אַז ס'איז די ערד אַ קײַלער,
נאָר קיינעם איז ביז דיר נאָך ניט געווען באַשערט
צו קוקן פֿון דער ווײַטנס, פֿון אַזאַ מהלך
און ווי אַ גלאָבוס זען דעם קײַלער פֿון דער ערד.

גיי איך אַרויס

גיי איך אַרויס אויפֿן גאַנעקל
דאָס וועלטעלע באַקוקן,

זע איך ווי אַלע שטערנדלעך
טוען צו מיר זיך בוקן.

זאָג איך צום ערשטן שטערנדל:
בייג ניט דײַנע קניִען,
וואַרט אַ ביסל צו, מײַן גאָלד,
קום איך צו דיר צו פֿליִען.

זאָג איך צום צווייטן שטערנדל:
ציטער ניט, מײַן לעבן,
וואַרט אַ ביסל, ס׳קומט די צײַט,
קום איך צו דיר צו שוועבן.

זאָג איך צום דריטן שטערנדל:
כ׳וועל קיינעם ניט פֿאַרשעמען,
כ׳קען אַלע-אַלע שטערנדלעך
מיט זייערע שיינע נעמען.

גיי איך אַרויס אויפֿן גאַנעקל,
קוק איך אַראָפּ אין דער נידער,
פֿאָכען צו מיר פּאָעטן
היימישע מיט לידער.

שרײַ איך אַראָפּ: חבֿרים,
קאָפּירט ניט איינער דעם צווייטן,
אַז איך זאָל פֿון דער ווײַטן
קאָנען אײַך אונטערשיידן.

און אָט איז דער מערבֿ, איך זע דאָרט
פּאָעטן מיט גוטע מיינען,
שרײַ איך: אַ דאַנק, מײַנע הערן,
נאָר מע קאָן אײַך ניט לייענען.

קער איך זיך אָפּ מיטן פּנים
צו די ליבע שטערן,
אפֿשר וועט זיי געלינגען
צו זינגען,
סע זאָל טאַקע זײַן וואָס צו הערן.

אַט קלײַב איך מיר אויס

אַט קלײַב איך מיר אויס אַ פּאָר פֿליגל,
די פֿאַרביקסטע קלײַב איך מיר אויס
און מעסט זיי מיר אָן קעגן שפּיגל
און פֿלי מיר אַוועק פֿון מײַן הויז.

אַט יאָג איך אַריבער די פֿייגל,
איך טו זיך אַ דריי און אַ נויג,
סע ווינקט מיר די ערד מיט אַן אייגל,
איך ווינק איר צוריק מיט אַן אויג.

אַט שוועבן מיר שטערן אַקעגן,
זיי זענען מיך אויפֿנעמען גרייט,
נאָר ס׳ציִען זיך ווײַטער די וועגן,
זיי ציִען זיך אָפֿן און ברייט.

אַן אומקרייז און איך זע ווידער
מײַן היימישע שטאָט און מיר דאַכט,
אַז אַלע זעען די פֿליגל,
אַז אַלע זעען מײַן טראַכט.

אַז אַלע זעען מיך וואַקסן,
מיר דאַכט, אַז איך הער ווי מע זאָגט:
די פֿליגל אויף אירע אַקסל
זיי פּאַסן צום קלייד, וואָס זי טראָגט.

זיי פּאַסן אַזוי צו איר שמייכל,
זיי פּאַסן אַזוי צו איר בליק,
ס׳איז ניט צו פֿאַרשטיין מיטן שכל,
עס האָט ניט קיין שיעור צו דעם גליק.

איר בליק אין די רוימען זיך שפּיגלט,
זי קעמט קעגן שפּיגל די האָר,
זי פֿאָכט מיט די פֿאַרביקע פֿליגל
און דרייט זיך מיט דר׳ערד אין דער פּאָר.

זומערדיקס

אַ צוג איז אַרויס פֿון דער שטאָט בײַ נאַכט
אין וועג איז טאָג געוואָרן
און ס'האָבן די פֿענצטער זיך צעלאַכט
מיט פנימלעך, וואָס פֿאָרן.
לאַכט, קינדערלעך, לאַכט!

די דעכער פֿון אַלע וואַגאָנעס גלײַך,
ניט נידעריקער, ניט העכער,
און איבער דער בריק און איבערן טײַך
און איבער אַלע טעכער.
לאַכט, קינדערלעך, לאַכט!

דער צוג שנײַדט דורך אַ געל שטיק פֿעלד,
אַ גרינעם וואַלד אַ גרויסן,
די קינדער האָבן דערזען די וועלט
אַרויס פֿון דער שטאָט, אין דרויסן.
לאַכט, קינדערלעך, לאַכט!

דער צוג איז אַרײַן אין וואַלד בײַ טאָג,
באַגריסט פֿון זײַן אַלטן שומר,
דער צוג האָט דעם וואַלד אַדורכגעיאָגט
און איבערגעיאָגט די ביימער.
לאַכט, קינדערלעך, לאַכט!

דער צוג שטעלט אַרויס-דעם-וואַלד זיך אָפּ,
בײַם דערפֿל פֿון הילצערנע הײַזער,
די קינדער גייען פֿון צוג אַראָפּ
בײַם סלופּ מיטן הילצערנעם ווײַזער.
לאַכט, קינדערלעך, לאַכט!

דער צוג לויפֿט ווײַטער און ווידער סטאָפּ
און ווידער אַ דערפֿל פֿון קלעצער
און ווידער גייען די קינדער אַראָפּ,
פֿאַרנומען די זומער-פּלעצער.
לאַכט, קינדערלעך, לאַכט!

און ווידער אין וועג און ווידער פֿאַרהאַלט
זייַן לויף דער צוג דער געשווינדער,
דער צוג האָט דעם אומעט פֿון באַרג און וואַלד
פֿאַרזייט מיט פֿריילעכע קינדער.
לאַכט, קינדערלעך, לאַכט!

אַ רוסיש-ייִדיש ווערטערביכל פֿאַר אירקעלעך

ווינאַ — ווייַן,
סוויעט — שייַן,
סוויעט — ליכט,
ליצאַ — געזיכט,
ליצאַ — פּנים,
ווראַגי — שׂונאים,
ווראַגי — פֿייַנט,
דרוזיאַ — פֿרייַנד
דרוזיאַ — גוטע ברידער,
פּעסני — לידער,
פּעסני — געזאַנגען,
זוווקי — קלאַנגען,
זוווקי — טענער,
פֿלאַגי — פֿענער,
פֿלאַגי — פֿאָנען,
מעסיאַץ — לבֿנה,
מעסיאַץ — חודש —
אויף לשון קודש.
דני — טעג,
דאָראָגאַ — אַ וועג,
דאָראָגאָ — טייער,
אָגאָן׳ — פֿייַער,
פּאָגאַס — פֿאַרלאָשן,
יאַזיק — לשון,
יאַזיק — אַ שפּראַך,
קרישאַ — אַ דאַך,
וויעשטש — אַ זאַך,
פּראָפּעסיע — אַ פֿאַך —

מיטן האַמער אַ מאַך,
מיט דער נאָדל אַ צי,
מיטן פּרעסל אַ ברי,
זאַפּלאַטקי — לאַטעס
אויף די קני,
טריאַפּקי — שמאַטעס
פֿון ניט הי.
באַזאַר — אַ מאַרק,
קרעפּקאַ — שטאַרק
קרעפּקאָ — פֿעסט,
גאָסטי — געסט,
גאָסטי — עסער,
אָבזשאָראַ — פֿרעסער,
באָטשקי — פֿעסער,
כליעב — ברויט,
קאַפּוסטאַ — קרויט,
יאַבלאָקאָ — אַן עפּל,
גאָלאָווקאַ — אַ קעפּל,
קאָסיטשקאַ — אַ צעפּל,
פּוגאָווקאַ — אַ קנעפּל,
פּלאַטאָק — אַ טיכל,
קניזשקאַ — אַ ביכל,
גאָלאָס — אַ קול,
אָגאָן׳ איז פֿייַער
נאָך אַ מאָל.
וויעשטש — אַ זאַך,
יאַזיק — שפּראַך,
יאַזיק — אַ צונג,

ליאָבקי — לונג,
ליאָבקי — לייַבטער,
מאָקרי — פּייַבטער,
מאָקרי — נאַסער,
וואָדאַ — וואַסער,

ווינאָ — וויַין,
סוויעט — שייַן,
קאָסטיאָר — אַ שייַטער
און אַזוי ווייַטער,
און אַזוי ווייַטער.

זווערי זענען חיות

זווערי זענען חיות
און אָווצי זענען שאָף
און אַ וואָלף שרייַבט זיך
מיט אַ צווייענדיקער וואָוו.

לעאָפּאַרד — אַ לעמפּערט,
זאַיאַץ איז אַ האָז,
אָטוועט איז אַן ענטפֿער,
כ׳ווייס נאָך ניט אויף וואָס.

לאָשאַדקאַ איז אַ פֿערדל,
מעדוועד איז אַ בער,
עמעץ טראָגט אַ בערדל,
נאָר איך ווייס ניט ווער.

זאָל עס זייַן אַ קאָזע,
זאָל עס זייַן אַ ציג ?
עמעץ שיסט די האָזן,
כ׳ווייס ניט וויפֿל שטיק.

קאָט הייסט אַ קאָטער,
קאָשקאַ איז אַ קאָץ,
אָטעץ איז אַ פֿאָטער
און אַ דיעדושקאַ — חרץ.

טשטאָ טאַקאָיע

טשטאָ טאַקאָיע,
וואָס איז דאָס,

ליעוו הייסט לייב
און נאָס הייסט נאָז.

וואָלק הייסט וואָלף
און סטול הייסט שטול,
פּאַרטעס שטייען
נאָר אין שול.

און אין קעלער
שטייט אַ פּאַס,
באָרשטש הייסט באָרשט
און קוואַס הייסט קוואַס.

אונטער די שנייען און אונטער דער ערד

דער פֿראָסט האָט גענומען אין זײַנע הענט
די גאַנצע צעפּלאָסענע געגנט
און אָפּגעשטעלט גלײַך בײַ די באַרגיקע ווענט
ס׳פֿאַרבליבענע האָב און פֿאַרמעגן.

די ריטשקעס און ריטשקעלעך אָפּגעשטעלט,
די טײַכן און טײַכלעך פֿאַרהאַלטן,
אַ פּוס אויף די טײַכלעך אַרויפֿגעשטעלט
און ס׳האָט זיך דאָס אײַז ניט צעשפּאָלטן.

דאָס ביסל פֿאַרבליבנס פֿון ערשטן שניי
האָט הילף בײַ די ברידער געבעטן
און ס׳האָבן די שנייען דערהערט זײַן געשריי,
געטראָפֿן צום פֿראָסטיקן שטעטל.

און וואָס איז געוואָרן אַרום און אַרום,
די ווענט פֿונעם הימל, זײַן סטעליע,
די ערד און די וועגן גלײַך און קרום,
די בערג — אַ גאַנצע קאַפּעליע.

נאָר אונטער די שנייען און אונטער דער ערד
אַ וואַרעמער קוואַל ליגט פֿאַרזונקען,
דאָס ריזלען פֿון קוואַל האָט אַ טויבער דערהערט,
און ער האָט דאָס וואַסער געטרונקען.

טרוסקאַוועץ. 1969

איך קען

איך קען אַזוי פֿיל סטראָפֿן,
וואָס האָבן צום האַרץ ניט געטראָפֿן.
איך קען פּאַטריאָטישע לידער,
וואָס זענען די פֿעלקער דערווידער
און אַרבעטער-געזאַנגען,
וואָס זענען צום פּאָלק ניט דערגאַנגען.
איך קען דעם זויערן טרויער,
וואָס איז ניט דערגאַנגען צום טויער,
צום דאָרפֿישן טויער פֿון פּויער.
איך קען אויך ליבע-סאָנעטן,
די ליבע-לידער צום לעבן
פֿון זעלבסטפֿאַרליבטע פּאָעטן,
וואָס קענען קיין קוש ניט געבן.
נאָר זיך דאַרף מען קענען קודם
און כ׳קען מײַן אייגענעם פֿעלער
צו שרײַבן וועגן אַ בוידעם
און וויינען אין אַ קעלער.

איך בין צו דעם גליק געפֿלויגן

איך בין צו דעם גליק געפֿלויגן
און קראַנק געוואָרן פֿון פֿליִען,
איצט קום איך מיט נאַסע אויגן
אויף טרוקענע שטיינער צו קניִען.

איצט קני איך אויף האַרטע שטיינער
און בעט בײַ די זאַמדן אין מדבר
אַ בעט פֿאַר די אַלטע ביינער
און רו אין דער טיפֿסטער נידער.

איך האָב אין פֿרעמדע הייכן
דעם שפּיץ פֿונעם טורעם פֿון בבֿל
געזוכט און געוואָלט דערגרייכן,
איצט רו איך אין זאַמד אין ווייכן,
געניס פֿונעם "הכל הבל".

לאָזט אונדז אַרויס

ווען גאָט האָט אָדמען מיט חוהן געפּאַקט
בײַם גנבֿענען עפּל אין גן-עדן,
האָט ער געזאָגט זיי: קינדער, פֿאַרפּאַקט
דעם נאַקעט — און אַרויסגעטריבןביידן.

אײַ ווי חוה האָט עס ניט געוואָלט,
נאָר אָדם האָט בייז געשוויגן,
מיט פּעטש און קולאַקעס איר אָפּגעצאָלט,
די ערשטע, וואָס זי האָט געקריגן.

דערנאָך, אַז דאָס לעבן געוואָרן איז שווער,
האָט ער זי געשלאָגן טאָג-טעגלעך
און שטאַרקער אויף וויפֿל דאָס לעבן איז מער
געוואָרן אומדערטרעגלעך.

ביז וואָנען מע האָט זיך דערשלאָגן צו פֿערד,
אַן אַקער אין אָקסן מיט הערנער,
ס׳האָט אָדם באַאַרבעט די האַרטע ערד
און זי האָט געמאָלן די קערנער.

דורך דורות אַזוי, אין שווייס פֿון געזיכט,
ביז גאָט האָט זיך סוף-סוף דערבאַרעמט,
איז אויפֿגעגאַנגען אַ גיהנומדיק ליכט,
וואָס האָט דעם גן-עדן דערוואַרעמט.

אַ נײַער גן-עדן מיט אַלטע שלענג,
מיט אַלטע פֿאַרבאָטן — ניט צו רירן.
די היטערס גייען אַרום אין דער לענג
און אין דערברייט מיט ביקסן שפּאַצירן.

מיר ציטערן ביידע, מײַן ווײַב און איך,
די אייניקלעך פֿון אָדמען, דעם עלטערזיידן,
מיר שטייען בײַם טויער און בעטן זיך:
אָ, טרײַבט אונדז אַרויס פֿון גן-עדן.

און לידער

הימל און ערד און לידער

הימל און ערד און לידער
צווישן הימל און ערד
שפּילן אין קידער-ווידער,
שפּילן זיך אין פֿאַרקערט.

קער איך איבער אַ כמאַרע
אויף דער לינקער זײַט,
בײַט זיך איבער די מראה
פֿון דער וועלט אין דער ווײַט.

בײַט זיך איבער דאָס טײַכל
מיט דער כמאַרע אין זיך,
ווערט עס אַ שבתדיק מאכל
פֿון אַ גוישער קיך.

ווערט עס אַ יויך מיט אויגן
פֿעט פֿון חזירשמאַלץ
און אַ רעגנבויגן
שיט מיט פֿאַרביקן זאַלץ.

און דער שטויב אויף די וועגן
הייבט צו דער זון זיך אויף,
לויפֿט אים די זון אַקעגן
אין אַ שרעקלעך געלויף.

הימל און ערד און ווידער
ערד און הימל אין שפּיל,
שטיל איך אײַן די לידער,
ווערן די לידער שטיל.

פֿאַלט אויף זיי אַ דרימל,
קער איך אַרויס דעם פּאַרקערט,
ראַטעווע אָפּ דעם הימל,
ראַטעווע אָפּ די ערד.

טו איך אָן

טו איך אָן דאָס תּשובה-קלייד
און דאָס תּשובה-היטל,
גיי אַרײַן אין תּשובה-קלייט
זיך קויפֿן אַ גוט קוויטל.

מאָנט דער קלייטניק אַ מין פּרײַז,
וואָס איז ניט צום צאָלן,
קויף איך אײַן זיך בעסער שפּײַז,
שטייען פֿולע שאָלן.

האָניק אַ שאָל און מילך אַ שאָל
און אַ שאָל מיט מאַנדלען,
כ׳האָב פֿאַר אַלע שאָלן באַצאָלט
די קלייטניקעס, וואָס האַנדלען.

נאָר קיין קוויטל ניט געקויפֿט,
ווייס איך ניט מײַן גורל,
סײַ ווי בלײַב איך אַ בעל-חובֿ
פֿאַר ניט געקויפֿטער סחורה.

וועכטער, גיי זיך לייגן שלאָפֿן

וועכטער, גיי זיך לייגן שלאָפֿן,
היטער, מאַך די אויגן צו,

סײַ ווי סײַ איז שוין אַנטלאָפֿן
פֿון דער שטאַל אַרויס די קו.

סײַ ווי סײַ זענען אַנטרונען
סײַ דאָס פֿערד און סײַ די שאָף,
אפֿשר וועסטו זיי געפֿינען
אינעם חלום בעתן שלאָף.

מ׳האָט די קו אַרויסגעצויגן,
מ׳האָט דאָס פֿערד אַרויסגעלאָזט
ממש גלײַך פֿאַר דײַנע אויגן,
טאַקע ממש פֿאַר דער נאָז.

ס׳האָבן זיך די שאָף געטוליעט
איינס צום אַנדערן אין גאַנג,
ס׳האָט דער שאָפֿגלאָק זיך צעהוליעט
אין דײַן אויער מיט געזאַנג.

האָסטו זיך געלאָזט פֿאַרקלינגען
און פֿאַרבלענדן זיך געלאָזט
ווי אַן אומדערפֿאַרן ייִנגל
טאַקע ממש פֿאַר דער נאָז.

שאָטנס

די זון האָט באַהאַלטענע שׂונאים —
די שאָטנס פֿון הינטער דײַן רוקן —
די זון קוקט דיר גלײַך אין פּנים,
נאָר דו קאָנסט אין אירן ניט קוקן.

און נאָר ווען אַ וואָלקן פֿאַרדעקט זי,
דיר קאָן דאָס אויג אפֿשר קלעקן,
ווי גלײַך אַ נעץ פֿאַרמעקט זי
און קאָן זי ניט פֿאַרמעקן.

די זון שווימט אַרויס פֿון די נעצן
און טרייסלט אָפּ טראָפּנס פֿײַער

און ערשט בײַם זונענזעצן
דערפֿילן זיך שאָטנס פֿרײַער

און קריכן אַרויס פֿון שײַער,
פֿון צווישן גאַסן און הײַזער,
פֿאַרלעשן די טראָפּנס פֿײַער
און רוקן צו נאַכט די װײַזער.

1978

קוים-קוים

שנײַד מיר אָפּ אַ שטיקל שטראָמענדיקע לײדיקײט פֿון רוים,
בלאָז אַרויס פֿון איר דעם עכאָ פֿונעם רוישן פֿון אַ בוים
און לאָז אָפּ זי װי אַ לופֿטבאַלאָן איבער דאַך און איבער צוים,
איבער צוים און איבער בוים בליט די אַנונג װי אַ פֿלוים,
איבער פֿלוים און איבער אַנונג איז צו כאַפּן עפּעס קוים,
קוים-קוים.

פֿאַרקערט

אַ שאָף מיט אַ הונט צונויפֿגעבונדן
קריכן אויף אַלע אַכט.
דער פּאַסטעך, וואָס האָט דעם זיווג דערפֿונדן,
לאַכט.

די גאַנצע טשערעדע שאָף צעטריבן,
די איינציקע זיך געלאָזט,
אַ פּאָרציע פֿלייש איר אָפּגעגעבן,
דעם הונט — אַ פּאָרציע גראָז.

האַוקעט די שאָף אויף דער לבֿנה,
די שאָפּענע אויגן פֿאַרמאַכט,
בײַם כּלבֿ האַוקעט עס אויף דער נשמה
און דער פּאַסטעך
לאַכט.

דער פּאַסטעך, וואָס האָט די שאָף געשוירן
און קעז פֿון איר מילך געמאַכט,
דער פּאַסטעך, וואָס איז אין דער סטינע געבוירן
אין איינער אַ שיינער נאַכט,
דער פּאַסטעך האָט איצטער פֿאַר גאָט ניט קיין מורא,
ער לאַכט.

דער פּאַסטעך — זאַט פֿון הייס געבראָטנס —
שטעלט ער זיך אויפֿן קאָפּ,
די ערד מיט אַלע אירע שאָטנס
קוקט אויפֿן הימל אַראָפּ.

קלאָגט זיך דער פּאַסטעך: מײַן ברודער, דער פּויער,
באַאַרבעט נאָך אַלץ די ערד,
בײַ אים איז פֿאַרבליבן אַלץ קאַפּויער,
אַלץ פֿאַרקערט.

די בענקשאַפֿט

די בענקשאַפֿט עסט מיר אויף די טעג
און שלינגט אַראָפּ די וואָכן
מײַן ווײַבל כאַפּט זיך אויף און פֿרעגט:
וואָס זאָל איך קאָכן?

— קאָך ווידער אָפּ דעם זעלבן טאָפּ
קאַרטאָפֿל אין מונדירן
און שייל אַ גרויסן הערינג אָפּ
דעם מאָלצײַט צו באַצירן.

און גיס דעם גרויסן טשײַניק אָן
און שטעל אים אויפֿן פֿײַער
און שטעל די פּלעצעלעך פֿון מאָן,
די פּלעצלעך פֿאַר אַ דרייער.

דער שווייס פֿון שטערן צו דער נאָז
שטראָמט הייס אין קנייטשן פֿונעם פּנים
איך זופּ געלאַסן פֿון דער גלאָז
און קוק מיר אויף אַ חלום.

דער חלום פֿרעסט מיר אויף די נעכט
און שלינגט אַראָפּ די שעהען,
דער זייגער כאַפּט זיך אויף און ברעכט
מיט שוואַרצע קראָען.

די פֿענצטער זענען פֿעסט פֿאַרמאַכט,
אַראָפּגעלאָזט די לאָדן,
געווען איז טאָג און איצט איז נאַכט
און מייַנער איז דער שאָדן.

איך האָב ניט ליב

איך האָב ניט ליב קיין פּאָעטן,
וואָס טרינקען בעסער פֿון מיר,
איך וועל זיך מיט זיי ניט פֿאַרוועטן
אַפֿילו ניט בייַ קיין ביר.

איך האָב ניט ליב די טרינקערס,
וואָס גיסן ביר אין בויך,
איך האָב ניט ליב די זינגערס,
וואָס זינגען אַרויס דעם רויך.

זיי מישן קאַווע מיט בראַנפֿן
און שפּייַען אויפֿן דיל
און רעדן פֿאַרשטעלט און פֿאָנפֿען
און טרעף, וואָס אַזעלכער וויל.

ער גלעט אַ מיאוסע נקבֿה,
די אויגן שכור און בלינד,
אין קאָפּ צעשפּילן זיך אייוון,
אין דר׳היים איז קראַנק אַ קינד.

אָפּט רופֿט זיך אַזאַ מין חתן:
״געוויסן פֿונעם דור״
ער גאַרט נאָכן לוויתן
און וואַרט אויפֿן שור-הבר.

איך האָב ניט ליב קיין פּאָעטן,
וואָס טרינקען בעסער פֿון מיר,
איך וועל זיך מיט זיי ניט פֿאַרוועטן,
אַפֿילו ניט בײַ קיין ביר.

סנאָבן

שטייט אַ שיינע פֿלאַש פֿון ווײַן,
כ׳שאַר זיך צו צו איר,
רינט גאָר טינט אין מויל אַרײַן,
שפּײַ איך אויף פּאַפּיר.
קומען סנאָבן באַלד צו גיין,
לויבן זיי מײַן שיר.

און מע קוויקט זיך מיט מײַן קוואַל,
מע אַנטציקט זיך מיט זײַן רויש,
צו מײַן שיינעם שטערנפֿאַל
שטעלן אונטער זיי אַ קויש,
טראָגן אים צום קיניגס זאַל
און מע שיט אים אויס.

מאַכט דער קיניג זיך ווי זיי,
אַז ער קוויקט זיך אויך,
אַז ער זעט אַ ווײַסן שניי,
אַז ער זעט אַ בלויען רויך,
טו איך נאָך אַ לעצטן שפּײַ,
מערער האָב איך ניט קיין כוח.

דער סאַטיריקער

מוטיק האָט ער אומשפּאַצירט בײַ זיך אַרום זײַן טיש
מיט דער פּען ווי מיט אַ שווערד געפֿאָכט ווי אויף אַ שלאַכט,
זײַנע ״העלדן״ האָט אַרומגעכאַפּט אַ ציטערניש,
האָט ער איינציקווײַז געשטראָפֿט זיי, בײַסיק אויסגעלאַכט.

שטיקער פֿלייש פֿון זיי געשניטן און געקריצט די ציין,
פֿאַר דער חניפֿה זיי געשמיסן אין זײַן שטרענגן ווערק,
זיי געצייכנט אַן רחמנות, שטעכיק און אַליין
מיט זײַן פֿאַרטיק ווערק אַוועק ער אין די בערג.

צו די הייכן, צום... רעדאַקטאָר אויפֿן העכסטן שטאָק
און געוואַרט דאָרט אומגעדולדיק און געוואָרן מיד,
ביז מע האָט אים עס צו דרוקן אָפּגעזאָגט,
האָט ער זיך צעוויינט, געקלאָגט, געחנפֿעט און געקניט.

איך אַליין גיי אויך אַהין צו מיטן דאָזיקן ליד.

מײַן חבֿר, דער דיכטער

מײַן חבֿר, דער דיכטער, קלינגט מיר אָן,
ער האָט אין אַ צײַטונג אַ קוק געטאָן
און האָט דאָרט, דאַכט זיך, געזען מײַנס אַ ליד,
דעם נאָמען פֿון ליד געדענקט ער ניט.

מײַן חבֿר, דער דיכטער, קלינגט מיר אָן,
צי האָב איך געלייענט זײַן ליד "די פֿאָן".
וואָס זאָגסטו אויף דער שפּראַך מײַנער דאָרט?
אַיאָ, ס׳איז פּערל איעדער וואָרט?

וואָס זאָגסטו אויפֿן אָנהייב, האַ?
צי האָסטו געזען שוין אַן אָנהייב אַזאַ?
וואָס זאָגסטו אויף דער קראַפֿט אין דער מיט?
דער סוף איז גאָלד, צי געפֿינסטו ניט?

מײַן חבֿר האָט שיער פֿאַר פֿרייד געוויינט,
און איך, כאָטש איך האָב נאָך זײַן "פֿאָן" ניט געלייענט,
האָב ביזן הימל געלויבט זײַן "פֿאָן"
און אויסגעשלאָסן דעם טעלעפֿאָן.

צווישן דיכטער
(פֿרײַנדלעכע שאַרזשן)

איך האָב אים דורכגעלייענט אַ ליד,
דערמאָנט אים, אַז ס'איז, כּלומרשט, זײַנס
און ער האָט געלויבט דאָס ליד:
עס איז אַ געדיכט אַ פֿײַנס.

דערנאָך — כ'האָב געגעבן אַ שניט:
דאָס ליד איז דאָך אָבער מײַנס.
אויך ער האָט זײַן פֿעלער פֿאַריכט:
אַ שוואַך געדיכט.

2

די פּאָסט האָט געבראַכט דעם זשורנאַל,
געבראַכט דער זשורנאַל האָט זײַן ווערק,
ווו ער האָט באַזונגען דעם אַל,
געקײַקלט פֿעלדזן און בערג.

ער האָט עס דורכגעקוקט
און פּלוצים זיך אָפּגעשטעלט:
זיי האָבן דאָס בעסטע פֿאַרמעקט,
דאָס ערגסטע אַרײַנגעשטעלט.

ס'איז אפֿשר, זאָג איך, אַ גרײַז
פֿון זעצער ווי אָפּט סע טרעפֿט,
איך האָב אים געזאָגט: באַווײַז
די קאָפּיע בײַ דיר אין העפֿט.

און הערט אַ וווּנדער, אַ נס,
און הערט, וואָס סע קען געשען —
דער זעלבער זעצער-גרײַז
איז אויך אין זײַן העפֿט געווען.

און דאָ האָט מײַן פֿרײַנד זיך פֿאַרטראַכט
און באַלד דערנאָך געזאָגט:
איך האָב אַ טעות געמאַכט,
איך האָב זיך אויף גוטס געקלאָגט.

אַן שאָדן

ניטאָ קיין ליכט. דער קילקאַסטן איז אויסגעשלאָסן,
דאָס אײַז אין אים — צעגאַנגען און צעגאָסן
און אין קילקאַסטן איז אַן איי פֿאַרבליבן
פֿון אַ צענדלינג, וואָס מײַן פֿרוי האָט אָפּגעקליבן
און די היץ איז גרויס אין הויז, אין דרויסן
און די לופֿט איז אָנגעגליט פֿון טאָג פֿון גרויסן,
לייגט מיר פֿאַר מײַן פֿרוי דאָס איי נאָך הײַנט צו עסן,
קען איך אָבער אין מײַן דאָקטער ניט פֿאַרגעסן,
וואָס האָט אָנגעזאָגט מיר, ניט צו עסן פֿאַרן שלאָפֿן
ניט קיין אייער, ניט קיין פֿלייש, אַפֿילו קיין קאַרטאָפֿל.
זאָגט מײַן פֿרוי, אַז אייער זענען ווידער טײַער
און זי קען זיך ניט פֿאַרגינען, געלט צו וואַרפֿן אויפֿן פֿײַער,
מאָרגן וועט דאָס איי אין גאַנצן שוין ניט טויגן,
דאַרף מען הײַנט עס אויפֿעסן און זי לייגט עס פֿאַר די אויגן
מיר אַנידער. אָפּגעקאָכט, פֿאַרשטייט זיך,
טוט אַ דריי עס פֿריִער און דאָס איי, סע דרייט זיך,
פֿאַרטיק, הייסט עס, און איך זעץ זיך צו צום טישל,
אָפּגעגעסן און פֿון טיש צום בעט, צום קישן.
ס'האָט די נאַכט אין בויך געדרייט מיך און געשניטן,
ס'האָט אָבער די הויזווירטשאַפֿט קיין שאָדן ניט געליטן.

אַ געפֿונענער בריוו

(פֿון ברעזשניעוון צו אַסאַדן און סאַדאַטן ערבֿ דער יום-כּפּור-מלחמה)

און איידער איר גייט אַרויס אין קריג,
געדענקט, אַז דער שׂונא דאַרף ווערן פֿאַרוויגט
מיט שיינע ווערטער פֿון שלום.
און איידער איר גייט אַרויס צום פֿאַרמעסט,
געדענקט, אַז דער שׂונא דאַרף שלאָפֿן פֿעסט
און זען אַ שיינעם חלום.

און אַז דער שׂונא וועט שלאָפֿן געשמאַק,
ערשט דעמלט נעמט איר אַרויס די האַק
פֿון אונטערן שלום-פֿאַרטעך,

און אויב די וועלט וועט זאָגן, אַז איר
האָט אָנגעהויבן, פֿאַרלאָזט אײַך אויף מיר
און זאָל מען זאָגן, וואָס אַרט אײַך ?

בײַ אונדז איז שוין גרייט די מעלדונג פֿון טאַסס,
וואָס ווערט רעפּעטירט דורכן ספּיקערבאָקס,
אַז זיי האָבן אָנגעהויבן,
ס׳איז מאַליקס אַ רעדע אויך שוין גרייט,
די שטימען אין אונ״אָ, די מערהײַט איז גרייט,
די טשערעדע שלום-טויבן.

זיי וועלן שטיצן אײַער גאַנג
און בענטשן אײַער יעדן טאַנק
מיט ברכות פֿון אונדזער סידור.
און אויב איר פֿאַרלירט אַ טאַנק צי צוויי
צי גאַנצע טויזנט שטיק פֿון זיי,
מיר גיבן אײַך אַנדערע ווידער.

און אָנהייבן זאָלט איר יום-כּפּור בײַ טאָג,
ווען יעדער ייִד על חטא זיך שלאָגט,
ס׳איז יעדער רגע טײַער.
פֿאַרכאַפּט, ס׳איז טײַער יעדער שטיק
און אויב די ייִדן וועלן טרײַבן צוריק,
איז שטעלן מיר אָפּ דאָס פֿײַער.

מיר וועלן ניט לאָזן, אַז אונדזערס אַ פֿרײַנד
זאָל ווידער ווי נעכטן ווערן אויך הײַנט
געשלאָגן פֿון ירושלים,
און אויב ס׳וועט, חלילה, אָנקומען שווער,
איז קומען מיר מיט אונדזער געווער
און וועלן אײַך שוין ״באַפֿרײַען״.

אָקטאָבער 1973

אל תּפֿתּח פּה לשטן

און דו ביסט געווען גרייט
אַליין צו זײַן אַ קרבן,
אַבי פֿאַרן טויט צו האָבן די פֿרייד,

אַז דײַן פֿאָלק איז אויסגעשטאָרבן,
אַז דײַן פֿאָלק איז אויסגעראָטן,
אַז דײַן שוואַרצע נבֿואה איז געראָטן —

אל תּפֿתּח פּה לשטן.

דו, וואָס רופּסט אונדז אַצינדער,
זיך איבערצוגעבן
די אונטערצינדער
דעם חסד פֿון שוקייריש-שקרישן פֿרידן
און דערפֿאַר וועלן מיר האָבן דאָס זעלבע לעבן
וואָס די סירישע ייִדן,
די זעלבע זכויות און פּריווילעגיעס
ווי אין באַבי-יאַר בײַם דניעפּרס ברעגעס,
ווו אונדזערע ברידער ליגן פֿאַרשאָטן.

אל תּפֿתּח פּה לשטן.

דו, וואָס רק
דו לויבסט די האַק
פֿון איראַק.

דו, וואָס רק
דו לויבסט דעם בלוטיקן געשמאַק
פֿון די מערדער.

אין דײַן פּראָגראַם האָט אַ סך זיך געענדערט,
מיט נײַע לאָזונגען רײַך,
מיט מאַרקסיסטיש-שעפֿערישן טאָלק —
„אַראָבער פֿון אַלע לענדער,
פֿאַראייניקט אײַך
אַקעגן מײַן פֿאָלק!“

דו, וואָס שבֿעה זיצסטו אַצינד
ניט נאָך דײַן ברודערס קינד,

וואָס איז פֿאַרן קיום-העם געפֿאַלן
נאָר נאָך די, וואָס זענען אונדז איבערגעפֿאַלן,
נאָך די, וואָס ס׳איז זיי ניט געראָטן
אונדז אויסצוראָטן.

אל תּפֿתּח פּה לשטן.

1973

ניט אמת

פֿאַר טאָג. ניט אמת אַז היינט
וועלן קושן זיך טויבן מיט ראָבן,
וועלן מענטשן, וואָס האָבן זיך פֿיינט,
זיך מערער פֿײַנט ניט האָבן.

און דאָך וועט עס אַנדערש זײַן
פֿון דעם וואָס געוועזן איז נעכטן
און מענטשן, וואָס האָבן זיך פֿיינט,
וועלן הײַנט זיך נעמען שעכטן.

בײַ טאָג. ניט אמת אַז היינט
וועט זיך ענדיקן די שחיטה,
אַז מענטשן, וואָס האָבן זיך פֿײַנט,
האָבן זיך איבערגעביטן.

אין טויבנשלאַק וואָרקעט די טויב,
די ראָבן קראַקען זי איבער,
איז לאָמיר ווערן טויב
און בלײַבן אין אונדזערע שטיבער.

קומט דער ליגן

קומט דער ליגן צו צום שפּיגל,
שפּיגלט ער זיך אָפּ דאָרט קלאָר,
ס׳נעמט דער שפּיגל פֿונעם ליגן
ניט אַראָפּ קיין האָר.

שפּיגל, שפּיגל, בלענדיק ליכטיק
ביסטו איצט דעם ליגנס פּאָר,
שפּיגלסט טאַקע פּינקטלעך, ריכטיק,
אָבער ניט די וואָר.

דער אויבערמענטש

דער אויבערמענטש רעדט אויף אַן אויבערשפּראַך
און קוקט אַרויף צום אויבערהימל,
ער שטייט מיט די פֿיס אויפֿן אויבערדאַך
אין הויכע אויבערשטיוול.

דער אויבערמענטש רעדט צו זײַן אויבערגאָט
און דאַוונט צו אים פֿון זײַן אויבערסידור,
זײַן אויבערגוף וואַשט ער אין אויבערבאָד
און שפּײַט אַראָפּ אין דער נידער.

ער טוט זיך אָן אין זײַן אויבערהעמד,
אין אויבערגאַטקעס — זײַנע הויזן
ער בלאָנדזשעט אַרום אין אַן אויבערפֿרעמד
און שמעקט דאָרט אויבעררויזן.

און קומט די צײַט און זײַן אויבערהויט
ווערט אויסגעקנייטשט און יעדער אבֿר
שטאַרבט אָפּ מיט אַ באַזונדערן אויבערטויט
באַגראָבט מען אים אין אַן אויבערקבֿר,

אין אַ טיפֿן-טיפֿן אויבערקבֿר.

מאָדערניסטיש

דער טײַך איז פֿאַרוואָלקנט. ס'וועט שפּריצן אַ רעגן
אַרויף פֿונעם טײַך צו דעם הימל
און בלאָטיק ווערן וועלן הימלישע וועגן
און שמעקן ווי זומפּן מיט שימל.

סע רעגנט, סע טראַפּנט אַרויף אויף די זוילן,
אויף זוילן און באַרוועסע פּיאַטעס,
מיר קאַלכן אונדזערע הײַזער מיט קוילן
און נייען זיך פֿראַקן פֿון שמאַטעס.

מיר שטעקן די קעפּ אין פּאַדקאָוועטע שטיוול
און שיצן די פֿיס מיט אַ פֿערדישער גריווע
און שפּאַנען אין איבערגעקערטן שטיבל
אין זאָקן אַזוי ווי אין שבֿעה.

מיר הענגען אַרויף אויפֿן דיל אַ שילדל:
„ניט שפּײַען אַראָפּ אויף דער סטעליע!"
און אויפֿן שפּיץ פֿון שאַגאַלס אַ בילדל
צעשפּילט זיך אַ פֿאַרבן-קאַפּעליע.

די זון פֿאַרגייט, די זון איז פֿאַרגאַנגען

די זון פֿאַרגייט און די שאָטנס פֿאַרשווינדן,
מיר זענען אַלע געגליכן צום בלינדן,
וואָס זעט ניט די שײַן, ווען די שויבן זיך צינדן.

די זון פֿאַרגייט און סע טונקלען די הײַזער
און דורך דער פֿינצטערניש רוקט זיך דער ווײַזער
צו מזרח, צום זונרעדל — אונדזער שפּײַזער.

די זון פֿאַרגייט, די זון איז פֿאַרגאַנגען
און ביז זי וועט ווידער צו אונדז דערלאַנגען
ברענען ווי גליווערעם אונדזערע פֿאַרלאַנגען.

די זון פֿאַרגייט, די זון איז פֿאַרגאַנגען.

ווײַסע פֿערזן

בינד אויף די הענט די געבונדענע,
בינד אָפּ די פֿיס די געפּענטעטע,
שליס אויף די טיר און צעפּראַל זי,

דעק אָפּ דעם קאָפּ און צעפּאַטל אים,
קנעפּל דאָס העמד אויף, צעכראַסטע עס
און דאָס ליד איז אויפֿגעבונדן און צעפּענטעט,
און דאָס ליד איז צעפּראַלט און צעשטראַלט און צעכראַסטעט
און דאָס ליד איז באַפֿרײַט און דער פֿערז איז ווײַס
און
זאָג ניט, אַז ס׳איז ניטאָ קיין נײַס
אונטער דער זון.

הײַדוקן
(מאָלדאַווישער מאָטיוו)

געדענקסטו, ברודער, די יונגע יאָרן,
מיר זענען הײַדוקן געווען,
די פּריצים זענען אין וואַלד געפֿאָרן
און האָבן אונדז ניט געזען.

מיר האָבן פֿאַר זיי זיך אויסבאַהאַלטן
בײַם שמאָלסטן אָרט פֿונעם וועג,
דעם שפּײַער האָסטו ווי אַ האַק געהאַלטן,
דאָס מעסער איך ווי אַ זעג.

און זענען זיי נענטער צוגעפֿאָרן,
מיר האָבן זיי אָפּגעשטעלט,
זיי האָבן געבעטן: שענקט אונדז די יאָרן
און נעמט אײַך צו דאָס געלט!

מיר האָבן זיי אַלע מיט אונדזער וואָפֿן
ביז נאַקעט אויסגעטאָן,
זיי זענען גליקלעכע אַנטלאָפֿן,
די פּריצים אין הוילן סטאָן.

און נאָכגעלאָפֿן זענען די ווײַבער,
דעריאָגן ניט געקענט
און וואָלטן הײַדוקן געווען שרײַבער
מיט פּענען אין די הענט.

געהאַט וואָלט די וועלט שוין וואָס צו לייענען
און וואָס צו לאַכן געהאַט,
כאָטש ס׳איז אַ מעשׂה אויף צו וויינען
און ניט קיין געלעכטער גלאַט.

מיר האָבן אין פֿאָלק צעטיילט די געלטער,
געווען איז בײַם פֿאָלק אַ פֿרייד,
בײַם פּריץ זענען פֿאַרבליבן די פֿעלדער
און אַלץ האָט צוריק זיך געדרייט.

געדענקסטו, ברודער, יענע יאָרן,
מיר זענען הײַדוקן געווען,
די פּריצים זענען אין וואַלד געפֿאָרן
און האָבן אונדז באַלד דערזען.

דאָס זענען געווען יונגע סאָלדאַטן
פֿאַר אַלטע פּריצים פֿאַרשטעלט,
אַ רוח דער וועלט אין איר טאַטנס טאַטן,
מיר האָבן פֿאַרשפּילט די וועלט.

מיר זענען יאָרן אָפּגעזעסן
און נאָך דעם געזעסן אויף ס׳נײַ,
מיר האָבן דאָס קייטאײַזן אויפֿגעגעסן
און זענען אַרויס אויף דער פֿרײַ.

און ווידער זיך גענומען צום אַלטן
און ווידער הײַדוקן געווען
און ווידער אין וואַלד זיך אויסבאַהאַלטן,
סע זאָל אונדז קיינער ניט זען.

און זענען פּריצים אָנגעפֿאָרן,
מיר האָבן זיי אָפּגעשטעלט,
זיי האָבן געבעטן: שענקט אונדז די יאָרן
און נעמט אײַך צו אונדזער געלט!

מיר האָבן זיי אויסגעטון ווי צום שלאָפֿן
און נאַקעטע אָפּגעלאָזט,
זיי זענען גליקלעכע אַנטלאָפֿן,
ניט פֿילנדיק דעם פֿראָסט.

און נאָר אַ מיידל איז פֿאַרבליבן,
עס איז איר געווען קאַלט,
איז זאָל זי וויסן פֿון אַ לעבן,
אַ נאַכט מיט הײַדוקן אין וואַלד.

ניטאָ שוין, ברודער, יענע יאָרן
מיט פּריצים מיט זעק מיט געלט,
דער אוראַלטער וואַלד איז שטאָטיש געוואָרן
און שטאָטיש דאָס דאָרף און דאָס פֿעלד,

די וועלט איז שוין אַנדערש צוגעשניטן,
לויט גאָר אַן אַנדער פֿאַסאָן
און באַנקרויבער האָבן אונדז פֿאַרביטן,
ווײַל אונדזערס איז אָפּגעטאָן.

גזלנים

(ייִדישער מאָטיוו)

מיר זענען אַראָפּ פֿונעם וועג
און ווײַטער, אָן וועג, געפֿאָרן,
אין וואָגן — אַ זאַק מיט אַ זעג,
אַ האַק און אַ ברויטל פֿון קאָרן.

מיר האָבן צעבונדן דעם זאַק,
די זעג פֿונעם זאַק פֿאַרוואָרפֿן,
מיר האָבן געלאָזט די האַק
די הענט זיך אָנצושאַרפֿן.

מיר זענען אַרײַן אין דער נאַכט,
מיר האָבן צעטיילט דאָס ברויטל,
מיר האָבן געוואַרט און געוואַכט,
געטראַכט אַלץ וועמען צו טויטן.

און אויף די פּוסטן געשמאַק
מיר זענען אַנטשלאָפֿן געוואָרן,
מיר האָבן פֿאַר טאָג די האַק
פֿאַרוואָרפֿן און היימגעפֿאָרן.

אַ וווּנדער

קינדער הערט: בײַ אונדז אין הויף,
עפּעס נאָר אַ וווּנדער, —
ס׳פּאַלט אַ וואַסערפּאַל... אַרויף
און דערנאָך אַרונטער.

קינדער הערט: בײַ אונדז אין גאַס
האָט זיך עס געטראָפֿן
אויף אַן אַלט פֿאַרזשאַווערט פּאַס
איז אַ מויז געשלאָפֿן.

איז די קאַץ פֿון אונדזער הויז
גלײַך אַרויסגעשפּרונגען
און אין איינעם מיט דער מויז
זיך אין פּאַס דערטרונקען.

שלעפּן קינדער זיי אַרויס
גלײַך ווי פֿון אַ ברונעם
פֿריִער די קאַץ, נאָר די מויז
האָט מען... ניט געפֿונען.

האָט די גאַנצע גאַס געוויינט
מיט דער קאַץ אין איינעם,
נאָך דעם האָט די קאַץ געלייענט
טרויער־לידער שיינע.

קינדער הערט: בײַ אונדז אין הויף
עפּעס נאָר אַ וווּנדער
ס׳פּאַלט אַ וואַסערפּאַל... אַרויף
און דערנאָך אַרונטער.

ירושלים, 20טער מאַי 1978.

אויפֿן פּוסבאָלפּעלד

זאָל אַרום דער עולם זיך אין ענגשאַפֿט שטיקן,
בלײַבט באַווינט דאָס פּוסבאָלפּעלד פֿון דער זעלבער צאָל,

צווייַ און צוואַנציק אומגליקן און גליקן,
העלדן און מאַרטירער, ריטער פֿונעם גאַל.

בלויז דער דרייַ און צוואַנציקסטער, דער טייַוול מיטן פֿייַפֿל
טאָר ניט קלאָגן צי זיך פֿרייען אויפֿן פֿעלד,
אויף זייַן ריכטער-פּנים, דעם שטיינערדיקן, שטייַפֿן
טאָרן זיך ניט ווייַזן קיין שטריכן פֿון קיין העלד.

ס'איז ניט

ס'איז ניט קיין טייַבעלע קיין ווייַס,
וואָס פֿליט איבער אונדזערע קעפּ,
נאָר אַ שוואַרצע אַ פֿינצטערע נייַס
שאָטנט אויף אונדזערע טרעפּ.

ס'איז ניט קיין שטילינקע טויב,
וואָס פֿליט איבער אונדזער דאַך,
נאָר אַ קראַקען וואָס מאַכט אונדז טויב
אין סאַמע דער שטילסטער נאַכט.

זייַ רויִק, מייַן קינד, ניט וויין,
דער פֿויגל איז שוין אין שטייַג
און אַלע, גרויס און קליין,
אים שטעלן אַרויס אַ פֿייַג.

זייַ רויִק, דער פֿויגל איז שוין
באַוואָרנט אין דער שטייַג,
ער האָט זיך שוין צוגעוווינט,
מיר האָבן אים . . . איבערצייַגט.

דער וועג אין שטאָט

אין גרינעם פֿעלד אויף ברייטן ברעג
בייַם שמאָלן בלויען טייַך
איך האָב געזוכט דעם גרויען וועג,
וואָס פֿירט אין שטאָט צו אייַך.

און ווער סע זוכט דאָך דער געפֿינט
און אָט בין איך אַוועק
און הינטער מיר האָט גראָז געגרינט,
געראָפֿן פֿונעם וועג.

נאָר ווער הערט איַין זיך צו אַ רוף,
וואָס רופֿט פֿון וועג צוריק?
דער קאָפּ דרייט שטענדיק אויס דעם גוף
פֿאָרויס צום וויַיטן גליק.

און איך האָב זיך ניט אָפּגעשטעלט
און צוגעאיַילט מיַין טראָט
און האָב פֿאַרביטן דאָרף און פֿעלד
אויף שטיינער און אויף שטאָט.

און איך באַדויער ניט, אָ, ניין,
כאָטש כ׳קריג זיך דאָ מיט איַיך,
וויַיל מיטן פֿעלד איז מען אַליין,
כאָטש וואַרף זיך אינעם טיַיך.

דאָס נאַכטווינטל קלאַפּט

דאָס נאַכטווינטל קלאַפּט
אין פֿענצטער פֿון צימער
און ציטערט,
די פֿינצטערניש טאַפּט
די אויגן פֿון דינער,
פֿון היטער.

פֿון היטער דאָס אויג
איז וואַך ביַי די טויערן,
שלעסער,
אַזוי ווי אַ צויג
מיט שאַרפֿע אויערן,
מעסערס.

דאָס נאַכטווינטל קלאַפּט,
די פֿינצטערניש שפּילט מיט
געשפּענסטער,
דער נאַכטהיטער כאַפּט
דאָס ווינטל בײַם קריכן
צום פֿענצטער.

כ׳האָב הײַנט געזען

כ׳האָב הײַנט געזען אַ קו מיט פֿולע אײַטערס גיין
און אײַנגעפֿונען, אַז ס׳איז שיין
דאָס קווישע פֿולאײַטערדיקע גיין.

כ׳האָב הײַנט געזען אַ פֿולן קרוג
און אײַנגעפֿונען, אַז ס׳איז קלוג
דאָס האַלטן שטענדיק פֿול דעם קרוג.

כ׳האָב הײַנט געזען דעם זונאויפֿגאַנג אין בלוט
און אײַנגעפֿונען, אַז ס׳איז גוט
דאָס הימלישע דאָס זונענבלוט.

נאָר זעענדיק אַן אינוואַליד
מיט גאָר אַן אַלטן רויטן שניט,
וואָס בראָט און בריט.

דערבײַ אַ בלאָטער ווײַס און רונד
און ס׳גייט אַ דאַמע מיט אַ הונט
פֿאַרבײַ און היט זיך דאָס געזונט,

האָט אָנגעצונדן זיך אַ בונט
בײַ מיר אין האַרץ, האָב איך אַ שרײַ
געטון און נאָכגעשיקט אַ שפּײַ
און ס׳האָט צעטראָגן אים דער ווינט
אויף אַלע דאַמען מיט די הינט.

לעבן אַ שווערן וואָגן

לעבן אַ שווערן וואָגן
איז גרינג צו פֿוס צו גיין

און ווילסטו עפּעס זאָגן,
זאָג, מע זאָל דיך פֿאַרשטיין.

לעבן אַ שווערן וואָגן
צו פֿוס צו גיין איז גרינג
און האָסטו ניט וואָס צו זאָגן,
דערמאָן זיך אַ ניגון און זינג.

לעבן אַ שווערן וואָגן
לויפֿט זיך באַרג-אַראָפּ
און ווילסטו, מע זאָל דיך הערן,
שטיי פֿונעם וואָגן ניט אָפּ.

זײַן ליד

זײַן ליד איז ווי מיט גלאָזפּאַפּיר געפּוצט, געשלײַפֿט,
זײַן ליד איז ווי אין קראָכמאַל אָנגעשטײַפֿט,
נאָר אינעווייניק גרין, ניט אויסגערײַפֿט.

ס׳איז קיינער ניט אַזוי פֿאַרמאַכט אין זיך ווי ער,
און ס׳דאַכט, ער טראָגט אין זיך ווי אין אַ שטײַג אַ יונגן בער.
וואָס קאָן איעדער אויגנבליק אַ שנײַד טאָן דאָס געהער.

און דאָס וועט זײַן אַ שאַרפֿער טיפֿער שניט.
זײַן אמתע, זײַן ערשטע עכטע ליד.

דײַן נשמה איז געבויט ווי אַ סאָנעט

דײַן נשמה איז געבויט ווי אַ סאָנעט,
דער געבײַ פֿון דײַן נשמה איז ניט נײַ,
פֿערצן שורות — צוויי מאָל פֿיר און צוויי מאָל דרײַ
אויסגערייטע ווי די ריפּן פֿון סקעלעט.

ווי די ליפּן פֿון אַ זקן בלוי און דין
און פֿאַרביטערט ווי די זעלנער נאָך אַ זיג,

בעת די הערשער גרייטן צו אַ נײַעם קריג,
נײַע שחיטות, נײַע אומגליקן אָן זין.

זאָל מײַן וואָרט דיר זײַן ווי אַ שטאַפּעט
גרינג צו לייענען און געבויט ווי דײַן סאָנעט,
כ'וויל ניט רייצן דײַנע נערוון, דײַן געשמאַק.

כ'וויל נאָר, אַז דײַן וואָרט זאָל ווי אַ האַק
שאַרפֿן זיך בײַ הוגאָ, בײַ באַלזאַק,
שרעק זיך ניט פֿאַר גיין צוריק, פּאָעט!

דײַן ליד

דײַן ליד — אַ רײַכער טיש מיט פּרוכטן און מיט פֿאַרבן,
דאָס בילד בײַ דיר — מיט אַלע פּינטעלעך און קנייטשעלעך און קאַרבן,
דו אַרבעטסט פֿריער אויף דער פֿאָרם פֿון די מאָדעלן
און אויב עפּעס געפֿעלט דיר ניט, דו טוסט עס איבערשטעלן.
דו דרייסט אַן עפּל אויס, דו שטעלסט אַ פֿלעשל איבער,
דערנאָך ערשט לאָזסטו זיך, זיי געבן לשון, דיבור.
און איך — מײַן ליד איז אָרעמער אַ סך,
איך פּוץ ניט און איך ענדער ניט קיין זאַך,
כ'האָב ליב דעם גראָען וועג, דעם טײַך, דאָס פֿעלד
און אַלצדינג, וואָס איז איין מאָל און אויף לאַנג אַוועקגעשטעלט
און אויב מע ברייטערט און מע שטיינערט אויס דעם וועג,
און אויב מע פֿירט דעם טײַך פֿון אַלטן ברעג אַוועק,
איך שטעל זיך אויפֿן פּלויט פֿון אונדזער הויף אַרויף
און וואַרט, ביז וואַנען טײַך און וועגן וואַקסן זיך צונויף.

טאָגבוך

וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן צווישן אָט די ווענט,
ווען זיי וואָלטן עס נאָר דערציילן אונדז געקענט.
ווען דער שרײַבטיש, וועלכער שטייט בײַם פֿענצטער דאָרט
נעמען וואָלט געקאָנט בײַ דער וואַנט דאָס וואָרט,

רעדן איין מאָל צו אַ וואַנט, וואָס איז ניט טויב,
וואָלט מסתּם פֿון העפֿט געוואָרן שטויב,
פֿונעם העפֿט, וואָס טאָגבוך רופֿסטו אָן
און פֿאַרשרײַבסט אין אים ניט דאָס,
וואָס האָסט אָפּגעטאָן.

דאָס פֿאַרשווינדל

פֿון דער ווײַטנס — האָריק-גלאַנציק, פֿון דער נאָענט — פֿליכעוואַטע
איז אַ זינדל פֿון אַ קריפּל, פֿון אַ הויקערל (זײַן טאַטע)
טוט ער אָן אַ גרויס שטיק היטל מיט אַ גלאַנציק ברייטן דאַשיק,
קײַעט, גייענדיק, אַן עפּל, וואָס איז פֿויל און ווייך און קאַשעק.

ווישט זיך אויס די אויגנגלעזער און פֿאַרריכט זיך די קראַוואַטע
און דאָס העמדל אויפֿן הערצל איז אַ העמד פֿון יענע גלאַטע
אויסגעפּרעסטע ווײַסע העמדער און פֿאַרמאַכט אויף אַלע קנעפּלעך
און די שוואַרצע שיכלעך גלאַנצן, שפּרינגענדיק אויף הויכע טרעפּלעך.

קלאַפּט אין טיר אָן, אומגעדולדיק קוקט ער דורכן שליסללעכל
און ער כאַפּט אַ זעץ אין שטערן, ווען די טיר זיך טוט אַן עפֿן,
ער אַנטשולדיקט זיך, פֿאַרנייגט זיך, פֿון די ליפּן אונטערטאַניק
טריפֿט מיט זיסן זאַלץ אַרונטער און מיט גרינעם זויערן האָניק.

ווען ער כאַפּט אַ קני אין הינטן, קײַקלט זיך אַראָפּ פֿון אויבן,
ווי אַ קעצל אויף די פּיסלעך בלײַבט עס שטיין, ווישט אָפּ די שטויבן,
ווישט זיך אויס די אויגנגלעזער און פֿאַרריכט זיך די קראַוואַטע
און ער קערט זיך אום צוריק, שמייכלענדיק און תּמעוואַטע.

שטאָט אַ מאָטאָ
(צו די משל-אַרטיקע, פּאָלעמישע, און סאַטירישע לידער)

שטאָט אַ מאָטאָ
וואָלט געלאָזט איך איבערדרוקן דאָ אַ פּאָטאָ
פֿון די ווײַטע אַדרעסאַטן

מיט די הענט בײַ זײערע טאַטן,
נאָר דער דרוקער וויל קיין בילד ניט איבערדרוקן,
ווײַל ער וויל, די לייענער, שטאָט צו קוקן,
זאָלן לייענען און באַנעמען
אַן אַ בילד און אָן די נעמען.

ניט קיין מאָנומענטן

ניט קיין מאָנומענטן אויסגעהאַקט פֿון האַרטן שטײן
אין דער וועלט אַוועקגעשטעלטע אויף צו שטיין
אַט אַזוי ווי שטיין קאָן שטיין.

ניט קיין לײַוונט אָנגעזאַפּט מיט פֿאַרב און ליכט
אײַנגעראַמטע און צעהאָנגען איינס בײַם צווייטן נאָנט, געדיכט,
וווּ סע מישן זיך געזיכטער און מע זעט ניט קיין געזיכט.

נאָר אַ לעבעדיקער קאָפּ צעשויבערט אויפֿן ווינט,
בלאָנדע לאַנגע האָר פֿון אַ דרײַצניאָריק קינד,
וואָס סע לויפֿט פֿאַרבײַ די אויגן און פֿאַרשווינדט.

זײַט מיר מוחל, מײַנע הערן, מײַנע זינד.

געלערנט גלײַך

אַ מענטש, וואָס האַלט, אַ פּען אין האַנט,
מיר זאָגן אַ געלערנטער, מיר רופֿן אָן אינטעליגענט,
און דער וואָס בויט פֿון ציגל אויס אַ גלײַכע וואַנט,
און דער וואָס האַלט אַ האַמער אין די הענט
און טרעפֿט מיט אים אין פּינטל, ווו ער וויל,
און טרעפֿט מיט אים אין סאַמע ציל,
און דער וואָס שיילט אַ דינע ברעט,
און אַלע די, וואָס בויען אויס די שטעט,
ווער זענען זיי, איך פֿרעג, ווער זענען זיי?
צי איז די קונסט פֿון שיכגעניי,

צי איז די קונסט פֿון ברויטפּאַרזיי,
צי איז די קונסט פֿון דעם, וואָס אָקסן טרײַבט,
אַ קלענערע פֿון דעם, וואָס שרײַבט ?
נעם פּרוּוו אַ מאָל און גיב די וואַשקעס פֿון די פֿערד
צו די, וואָס טרײַבן אָן מיט מענטשן אויף דער ערד,
צי וועלן אײַך די פֿערד פֿון וועג
דען ניט אַראָפּפֿירן צום שטעג,
פֿון שטעג צום גראָז, פֿון גראָז צום פֿעלד
מיט פֿעטן גערשטן, פֿירער מײַנע פֿון דער גאָרער וועלט!?
אַ מענטש, וואָס האַלט אַ פֿען אין האַנט
און דער וואָס בויט פֿון ציגל אויס אַ וואַנט,
און דער וואָס פֿירט אָן מיט אַ לאַנד,
און דער וואָס לעשט אַ שריפֿה אָפּ, אַ בראַנד,
און דער, וואָס שלעפּט די פֿיש פֿון ים, פֿון טײַך,
זענט אַלע-אַלע מיר געלערנט גלײַך.

וויפֿל דורות?

וויפֿל דורות איז דער מענטש אויף אַלע פֿיר געקראָכן
און דאָס לעבעדיקע חיה-פֿלייש מיט דער פֿעל געגעסן?
כ׳האָב געפֿרעגט, צי ער געדענקט, מײַן שכן,
האָט ער, דער פּראָפֿעסאָר, אויך פֿאַרגעסן.

וויפֿל דורות איז דער מענטש אויף צוויי אַרומגעגאַנגען,
ביז ער איז צום וואָגן מיט פֿיר רעדער צוגעקומען?
אויפֿגעזעצט זיך און די זון איז אויפֿגעגאַנגען
איבער זײַנע טורעמס, באַנען און די פֿעלדיקע אַרומען.

וויפֿל דורות וועלן זיי דעם מענטש נאָך דינען
די געבליבענע צוויי פֿיס פֿון פֿאַרנדיקן מענטשן?
כ׳האָב געזען הײַנט אַפֿריקאַנער טאַנצן אויף דער בינע
און איך האָב געוואָלט די שוואַרצע פֿיס זיי בענטשן.

פערזענלעכקייט

מיר אַלע — אַלצאיינע אַרטיסטן,
מיר שפּילן פֿאַרשיידענע ראָלן,
מיר פֿעלשן דעם סטעפּ דעם וויסטן
און מאָלן בערג און טאָלן.

ס'איז ביטער דעם טראַגיקער, זויער,
נאָר ווי איז שוין דעם, ווּעמענס ווילן
וועגט שווער ווי אַ שלאָס אויף אַ טויער?
ער שטעלט זיך אַקעגן דעם שפּילן.

ער שפּילט ניט דעם שׂונא פֿון יענעם,
וואָס דאַרף פֿאַר אַ שׂונא אים האָבן,
כּדי מיט אים קעמפֿן צו קענען
און האָבן מיט וועמען זיך שלאָגן.

עס פֿליִען די שטיינער ווי קוילן
און שפּרינגען באַלד אָפּ פֿונעם אײַזן,
זיי קרישלען זיך אונטער די זוילן
און ווערן פֿאַרמעקטע ווי גרײַזן.

מיר אַלע — אַלצאיינע אַרטיסטן,
מיר שפּילן באַשיידענע ראָלן,
מיר פֿעלשן דעם ווײַן דעם זיסטן
און גיסן אָן קוואַס אין די שאָלן.

דער קאָמיקער פֿריילעך איז, מונטער,
נאָר בעסער איז דעם, וועמענס בלוטן
זיך היצן ניט, שפּרינגען ניט אונטער
אַזוי ווי פֿון ווײַן פֿון ניט-גוטן.

ער שפּילט ניט אין פֿרײַנדשאַפֿט מיט יענעם,
וואָס דאַרף פֿאַר אַ פֿרײַנד אים האָבן,
כּדי זיך באַווײַזן צו קענען
און האָבן פֿאַר וועמען זיך שלאָגן.

עס פֿליִען די ליבווערטער שיינע
און פֿאַלן ווי אונטערגעשאָסן,

זיי פֿאַלן אין טײַכעלעך קלײנע
און ווערן פֿאַרגעסן, פֿאַרגאָסן.

אַז ווייל איז צו דעם, וועלכער שפּילט ניט
און מאַכט ניט זײַן פּנים איבער,
ער פֿאָכט מיט די קראַנקע פֿליגל
און פֿליט יעדע פֿאַלשקייט אַריבער.

דער ייִדישער לוח

דער טאָג איז צו אַ הערשער אויסגעוואַקסן,
פֿון זון-לבֿנה-שפּיל איז ער דער האַר,
דער טאָג, ער טראָגט צוויי לוחות אויף די אַקסל —
לבֿנה-לוח און דעם זונען-קאַלענדאַר.

לבֿנה איז די קיניגין פֿון חודש
און זון — דער קיניג איז פֿון גאַנצן יאָר.
לבֿנה שפּיגלט זיך אין פֿענצטערל פֿון פּאַליש,
אין גרויסע פֿענצטער גייט די זון אויף גאַנץ קאַיאָר.

דער טאָג האַלט זיי צוזאַמען ביידע ליכטער,
דער טאָג מעת-לעתיקער, דער חודש און דאָס יאָר,
דעם זון-לבֿנה-לוח, צוויי קײַלכיקע געזיכטער,
זיי זענען ביידע דאָך פֿון גאָט אַ פּאָר.

אוניווערסאַל

נעם אַ שפּיז, שטעך דורך דעם כּדור-הארץ
אָט-אַ דאָ-אָ, ווו איך שטיי, אויף אָט דעם פּונקט,
וואָס געהער צו מיר אַצינד, צו מאיר חרץ,
טיפֿער שטעך, מיט מערער כּח, מערער שווונג.

זײַ מזווג מיך מיט יענער, וואָס דאָס שפּיזל
האָט דערגרייכט די זויל דאָרט פֿון איר לינקן פֿוס,
שטעך אים דורך דעם כּדור-הארץ ביז איר לינקן פֿיסל
אָט ווי מיט אַ נאָדל שטעכט מען דורך אַ נוס.

דאָרט אויף יענער זײַט פֿון האַלבער ערד, אין מיטן
זיצט אַ ייִדיש שנײַדער-מיידל בײַם מאַשין-גענײ,
אָפּגעלאָזט דעם שידוך מיטן חתן מיטן דריטן,
ציטערן די פֿיס איר בײַם נײ-מאַשין-געדריי.

ציטערן די פֿיס איר און דאָס לינקע פֿיסל
ציטערט אויף פֿון ווײַטן זיסן שטאָך.
זײַ מזווג מיך מיט יענער, וואָס דאָס שפּיזל
האָט דערגרייכט אַהין צו, האָט געטראָפֿן דאָך.


לידער
צו אייגענע און צו
פרעמדע

11טער דעצעמבער 1940

כ׳האָב זיך דערמאָנט און אָפּגעמערקט
מיט דער דערמאָנונג אַ דאַטע.
זעקס און דרײַסיק יאָרן — בערג
הונגעריקע און זאַטע.

זעקס און דרײַסיק יאָר אַוועק
זינט דעם טאָג פֿון באַקאַנטשאַפֿט,
איך געדענק דעם ווײַסן וועג
אין דער ווינטער-לאַנדשאַפֿט.

איך געדענק די גיכע טריט
פֿונעם פֿראָסט געטריבן
און דאָס שיינע ליבעליד
אויפֿן שניי געשריבן.

כאָטש דו טראָגסט אַ קליינעם שוך
מיט אַ קליינעם נומער,
האָט דאָס ליד געגעבן פֿרוכט
ווי דער צוויט אום זומער.

ס׳האָט דער ווינטער אָפּגעברענט
און דער שניי צעגאַנגען
און מירביידע בײַ די הענט
זענען אַלץ געגאַנגען.

דורכן פֿײַער פֿונעם קריג,
דורך די וויסטע גרווילן.
נאָכן קריג און נאָכן זיג
זענען געבליבן קוילן.

און מיר האָבן אויף די בערג
חורבֿות ביז די כמאַרעס
אונדזער דאַטע אָפּגעמערקט,
אונדזער שענסטע דאַטע.

אויך ווען סטאַלין האָט צעשיידט
אונדז אויף לאַנגע יאָרן
און די קינדער — אונדזער פֿרייד —
זענען דאַר געוואָרן,

האָב איך אויך פֿון אַלע טעג
גראָד דעם טאָג דעם איינעם
אים געחלומט אויפֿן וועג
ווידער זײַן אין איינעם.

שטייט דײַן בעכער אויפֿן טיש,
זאָגן כ׳וויל לחיים!
וואָלט דער טויט זיך ניט געמישט,
ביילעניו בת חיים.

שוין דאָס פֿערטע יאָר אין ווײ
פּראַווע איך די דאַטע
און איך לייען דאָס ליד אין שנײ,
וואָס איז ווײַט פֿון דאַנעט.

איך געדענק די גיכע טריט
פֿונעם פֿראָסט געטריבן
און דאָס שיינע ליבעליד
אינעם שנײ געשריבן.

1976

איך זיץ אין מײַן אָרעמען הויז

איך זיץ אין מײַן אָרעמען הויז
און קוק דורכן פֿענצטער אַרויס,
איך קוק אין דער אָרעמער גאַס —
אַ ייִנגעלע באָרוועס און בלאַס
צעשאַרט מיט די פֿיסלעך דעם שטויב,
דער שטויב הייבט זיך אויף אין מײַן שויב
און גרוי איז די גאַס און די שײַן,
וואָס שײַנט מיר פֿון דרויסן אַרײַן.

כאָטש קליין איז און ענג איז מײַן הויז,
דאָך שטרעקט זיך די נויט אין דעם אויס
אַזוי ווי אַ באַרג די גרויס
און שטיקט מיך און איך שרײַ אַרויס,
איך שרײַ און איך קוק און איך פֿרעג,
צי קומט ניט קיין הילף מיטן וועג,
איך קוק און איך פֿרעג בײַ דער וועלט,
דער ענטפֿער איז: הימל און פֿעלד.

איך קוק און איך קוק און איך קוק,
מײַן פֿרוי וועקט מיך אויף מיט: "גענוג"
מײַן פֿרוי וועקט פֿון קוקן מיך אויף
און לייגט מיר איר האַנט אַרויף,
זי האַלט די האַנט און זי זאָגט:
"בשותּפֿות איז גרינגער די פּלאָג!"
מיר גייען אין קיכל אַרײַן
און טיילן מיטן הונגער זיך אײַן.

בײַם טויער

עס איז מיר טרויעריק-טרויעריק מיט דיר,
נאָר ווײַ איז דעם, וואָס ווייסט ניט אַזאַ טרויער,
איך ציטער שטענדיק, טאָמער איך פֿאַרליר,
חלילה, דיך בײַם דורכגיין דעם טויער.

בײַם טויער שטייט אַ שומר אַ שטיק האָלץ
בצורת מענטש, אַ פּנים אָן אַ שמייכל
און אָט דער נפֿש אויף זײַן כּח איז ער שטאָלץ —
דער טויער עפֿנט און פֿאַרמאַכט זיך לויט זײַן צייכן.

און ווען ער זעט, סע נענטערט זיך אַ פּאָר,
וואָס האַלטן זיך און קומען אָן צוזאַמען,
ער טיילט פֿאַנאַנדער זיי אויף אַלע-אַלע יאָר,
ער טיילט פֿאַנאַנדער אָפּט אַ קינד אויך פֿון זײַן מאַמען.

צי ווײַל דער טויער איז פֿון זעלבן האָלץ ווי ער
דער שומר איז, פֿון די זעלבע ברעטער,
איז פֿאָלגט ער אים, איך ציטער, ווען איך הער
דעם סקריפּ און כ׳ווייס, עס ניטאָ קיין רעטער.

מײַן ירושה

כ׳האָב אַלע מײַנע ליאַפּסוסן פֿאַרשריבן
און זיי באַהאַלטן ווי אַ שווערע זינד,
אין הויף באַגראָבן און פֿאַרשיט דאָס גריבל
און כ׳קאָן דאָס פּלאַץ ניט אָפּזוכן אַצינד.

מיט שטעכיק גראָז און בייזע רויטע בלומען,
דעם הויף געלאָזט פֿאַרוואַקסן אָן אַ שטעג,
ביז וואַנען ס׳וועט אַ מאָל מײַן יורש קומען,
געפֿינען מײַן ירושה, מײַן פֿאַרמעג.

און באַלד צוריק פֿאַרגראָבן און פֿאַרשיטן
פֿאַר גרויסער בושה אָדער גאָר פֿאַר שרעק
פֿון בייזע בעלי-קנאה אויסצוהיטן
דעם אוצר, וואָס זײַן זיידע האָט פֿאַרשטעקט.

אַ זאַק מיט גרײַזן ווי אַ קאַסטן אײַזן,
וואָס זשאַווערט אין דער נעץ פֿון שוואַרצער ערד,
מײַן יורש וועט ניט גיין דאָס פּלאַץ זיי ווײַזן
די בעלי-קנאה מיט די בלאָנדע בערד.

די וועלט איז אונטערגעצונדן געוואָרן

די וועלט איז אונטערגעצונדן געוואָרן,
דאָס יידישע פֿאָלק האָט אָפּגעברענט
און ס׳לויפֿן ווײַטער און ווײַטער די יאָרן
מיט אויפֿגעהויבענע הענט.

אין קרײַז פֿון הימל די ערד איז געפֿאַנגען
און מאַכט ניט פֿון קרײַז אַרויס קיין שפּאַן
און וויפֿל מאָל די זון איז פֿאַרגאַנגען,
אַזוי פֿיל מאָל איז זי אויפֿגעגאַן.

און איבער די טויטע לאַכן די טעכטער
און מיטן קדיש זיך וואַרגן די זין
און צווישן דעם קדיש און דעם געלעכטער
זוכט דאָס לעבן ווײַטער אַ זין.

ווײַל ווײַטער און ווײַטער לויפֿן די יאָרן
מיט אויפֿגעהויבענע הויכע הענט.
די וועלט איז אונטערגעצונדן געוואָרן,
דאָס יידישע פֿאָלק האָט אָפּגעברענט.

ביסט געקומען ווי אַ בליץ

פֿאַר מײַן ייִנגסט אייניקל ברק

ביסט געקומען ווי אַ בליץ
אין אַ וועלט פֿון וואָלקנס סאַמע
און ווי ליכט זיך אײַנגעקריצט
אינעם האַרץ פֿון טאַטע-מאַמע.

אָן געוויין, געוואַלדגעשריי,
ס׳איז ניטאָ וואָס מורא האָבן,
ביסט געקומען ווי אַ טרייסט
פֿאַרן ליידן אָן דער באָבען.

ווי אַ דריטער צו דער שפּיל
פֿון דײַן ברודער מיט דײַן שוועסטער,

אַן געוויין נאָר אויך ניט שטיל,
ס׳ווערט דייַן קול אַלץ פֿעסטער, פֿעסטער.

ווי אַ פֿינפֿטער צו דעם קרייַז
אַרום אַלטן ווייַסן זיידן,
ס׳איז דייַן זיידע לאַנג שוין ווייַס
זינט דער שנייִיקער עקדה.

ביסט געקומען ווי אַ בליץ

די קינדער זענען נענטער

די קינדער זענען נענטער צו דער ערד
און העכער איז דער הימל זייערער, שענער,
זיי חלומען פֿון הויכע שטאַלצנע פֿערד
און רייַטנדיק צו ווערן הויכע מענער.

די קינדער זענען נענטער צו דער היים
און ווייַטער איז די פֿרעמד, וואָס טוט זיי לאָקן
און עפּעס ווינקט צו זיי באַרג-אַרויף אַ שטיין
און ס׳שטייַגט צו אים דער בליק אויף זיבן שטאָקן.

די קינדער זענען נענטער אויך צו זיך
ווי די, וואָס גלעטן זיך אַליין אַקעגן שפּיגל,
באַהאַלטן אויס די פֿיס זייערע אין שיך,
פֿאַרגעסן, אַז זיי קומען אויך פֿון וויגל.

צי בין איך ניט

צי בין איך ניט גענוג נאָך מיד,
ניט אויסגעהאָרעוועט גענוג,
גענוג ניט דאָרשטיק נאָך אַ ליד
אויף אויסשטרעקן מייַן האַלדז צום קרוג ?

איך האָב זיי קיין מאָל ניט געציילט
די קריגלעך ליימיקע מיט ווייַן,
די קריגלעך הייליקע מיט אייל,
די קריגלעךליידיקע מיט שייַן.

אַט גיי איך נאָך די קעמלטריט
מיט בליק אין מדבר ווייַט פֿאַרקוקט —
צי גליט אין זאַמד דאָס מדבר-ליד
צי אינעם אַלטן ליים פֿון קרוג ?

אַט שטרעקט ער זיך צום הימלבלוי
אַ שווערער אויפֿן יונגן קאָפּ
פֿון יענער הויכער שמאָלער פֿרוי,
וואָס לאָזט אים אייביק ניט אַראָפּ.

נאָר היט מיך, גאָט, איך זאָל אַהין
זיך ווייַטער רירן מיט אַ שפּאַן.
אויף קעמל רייַט דער בעדויִן,
דער באַלעבאָס פֿון קרוג, דער מאַן.

אַ קול קריצט אויס זיך און איך הער,
די אותיות קלינגען אויבן אָן :
„די פֿרוי דייַן באָבע איז און ער —
דייַן עלטער-זיידע פֿון חבֿרון"

„און דו, מייַן אַלטער מידער ייִד,
מוזסט ייִנגער ווערן מיט אַ מאָל
צו טרינקען פֿונעם קרוג דאָס ליד"
און ס'האָט פֿאַרלאָשן זיך דאָס קול.

טיף אין מיר

און איך, דער פֿאַרליבטער נאַר,
וואָס האַלט זיך קוים אויף די פּיס
און שילדער זיך ווי אַ גבֿר,
און שילדער זיך ווי אַ ריז.

און איך, וואָס רעד זיך אײַן,
אַז עפּעס אַ פֿרוי האָט מיך ליב
און קומט צו מיר אַרײַן
מיט אויסגעשטרעקטער ליפּ.

איך ווייס ערגעץ טיף אין מיר
מײַן אויסזען און מײַן ווערט.
פֿאַרמאַכט וועט בלײַבן מײַן טיר,
וואָס האָט קיין קלאַפּ ניט געהערט.

נאַראָנים

מיר זענען אַלטע נאַראָנים,
נאַראָנים צו זעכציק יאָר,
צי איז דען ניט נאַריש דאָס פּנים
צו קנייטשן און גרויען די האָר.

צי איז דען ניט נאַריש צו קוקן
אין שפּיגל און גלעטן דעם שרונט
און ניט צו באַמערקן דעם רוקן,
וואָס איז שוין געבויגן און רונד.

מיר זענען אַלטע נאַראָנים,
נאַראָנים צו זיבעציק יאָר,
צי איז דען ניט נאַריש דאָס פּנים
צו ווײַזן דעם יונגן דור.

צי איז דען ניט נאַריש פֿאַרהאַלטן
אַ יונג פֿאַרפֿאַלק אויפֿן וועג,
וואָס קענען ניט לײַדן קיין אַלטן
אין זייערע יונגע טעג.

מיר זענען אַלטע נאַראָנים,
נאַראָנים צו נײַנציק יאָר,
מיר האָבן שוין ניט קיין פּנים
און האָבן שוין ניט קיין האָר.

דער זקן

די פֿיס שוין אָפּגעשוואַכט, נאָר זײַנע אויגן יאָגן אין די ווײַטן,
דאָס בלוט איז אָפּגעקילט, נאָר אין זײַן דמיון ברענט אַ שׂרפֿה,
אַ, גאָט, מײַן גאָט, קער אום אַ רגע אים פֿון יענע צײַטן
און שיק אים ווידער צו איצט יענע יונגינקע מכשפֿה,

וואָס האָט מיט אים גערייצט זיך און צערייצט אים
און הונדערט מאָל אַרויסגעשטעלט דאָס צינגל
און מיט איר קלינגענדיק געלעכטער הונדערט מאָל פֿאַרפֿלייצט אים
און הונדערט מאָל געראַטעוועט דאָס ייִנגל,

וואָס שטייט אַצינד אַ זקן אָפּגעשוואַכטער
מיט קראַנקע הענט און פֿיס און קראַנקע אויגן.
וואָס חלומט זיך בײַ טאָג אים? וואָס חלומט דען בײַ נאַכט ער?
פֿאַרוואָס זענען מיט שׂרפֿות די אויגן אים פֿאַרצויגן.

דער הימל בלויט ניט

דער הימל בלויט ניט, דער הימל איז בלוי.
די נעכט שטילן ניט, די נעכט זענען שטילע
און מײַן זיידע תּפֿילהט ניט סתּם אַזוי,
מײַן זיידע טוט תּפֿילה.

איך פֿריי זיך באמת, ווען די ערד גרינט,
ווען די פֿייגל זינגען און צווײַגן זיך וויגן,
די ביימער רוישן, ווען דאָס טײַכל רינט
און זיי גיסן צונויף זיך אין איין אייניציקן ניגון.

און כ׳ערגער זיך נאָר, ווען דער דרויסן ווערט גרוי
און ווען דער זומער נייגט זיך צו נעילה,
מײַן זיידע תּפֿילהט ניט סתּם אַזוי,
מײַן זיידע טוט תּפֿילה.

געפֿאָרן-געפֿאָרן

געפֿאָרן-געפֿאָרן און ניט געטראָפֿן
קיין שום בת-מלכּה זאָל קומען אַקעגן,

ביז איך אַרײַנגעגאַנגען שלאָפֿן
אין דער אכסניה וואָס אויף די וועגן.

האָט מיר אַ מיידל צוגעטראָגן
וואַסער זיך צו וואַשן
און דערנאָך מיר אונטערגעטראָגן
טיי מיט המנטאַשן.

און דערנאָך געבעט דאָס בעט מיר
ווייך און ווייך און ווייכער
און די קאָלדערע אויסגעגלעט מיר
מיט אַ וואַרעמען שמייכל.

און אַז אין דער פֿרי האָט מען אָנגעקלאַפּט מיר:
די בת-מלכּה קומט, סע בלאָזט שוין דער האָרן!
האָב איך געענטפֿערט: שטעלט ניט אָפּ זי,
לאָזט זי ווײַטער פֿאָרן.

זי

כ׳האָב געזונגען שוין צום לאַנד,
צו דער טיר און צו דער וואַנט,
זי נאָר האָב איך אויסגעהיט
פֿון מײַן וואָרט און פֿון מײַן ליד.

כ׳רעד מיט קיינעם ניט פֿון דעם.
ווי מע רעדט ניט אויס דעם שם
לבטלה, סתּם אַזוי,
רעד איך ניט פֿון אָט דער פֿרוי.

ווען זי שטעלט אַוועק זיך דאָרט,
וווּ ניט גרייכן קאָן מײַן וואָרט,
מוז איך גיין אַליין צו איר,
צו איר וואַנט און צו איר טיר.

כ׳האָב געזונגען שוין צום לאַנד,
צו דער טיר און צו דער וואַנט

זי נאָר האָב איך אויסגעהיט
פֿון מײַן וואָרט און פֿון מײַן ליד.

און איך בין אַריבערגעשפּרונגען

און איך בין אַריבערגעשפּרונגען דעם טויט
צו דיר, מײַן טײַער לעבן,
אַזוי ווי מע שפּרינגט אַריבער אַ פּלויט
צום שכנישן גאָרטן דערנעבן.

דעם פּלויט האָט דער שכן אויפֿגעשטעלט,
איז זײַנער דער גאָרטן געוואָרן
און מיר האָט ער איבערגעלאָזט די וועלט
אויף אַלע זײַנע יאָרן.

נאָר וווּ איך שטיי און וווּ איך גיי,
איך טרעף אָן די זעלבע פּלויטן
און צווישן די פּלויטן איז אַ געדריי
פֿון אָרעמקייטן און נויטן.

און צווישן די פּלויטן איז ענג אַזוי
אויף נאָר דערשטיקט צו ווערן
און צווישן די פֿאַרביקע גערטנער איז גרוי
און אוי און וויי צו הערן.

נאָר איך בין אַריבערגעשפּרונגען דעם פּלויט,
אַרײַן מיט די ציין אין די קאַרשן
אַזוי ווי מע שפּרינגט אַריבער דעם טויט
אין מיטן מלחמה-מאַרשן.

1978

פֿון דײַן בענקשאַפֿט באַגלייט

מײַן טיר איז צוגעשלאָסן
אין פֿענצטער איז לאַנג שוין נאַכט,
דאָס ליכט איז אויסגעלאָשן,
די אויגן ווערן פֿאַרמאַכט.

דער פֿידלער אויף יענער זײַט פֿענצטער,
איך פֿיל אים אויף מײַן געזיכט,
איך פֿיל אים דורך די פֿענצטער,
איך הער ווי ער רעדט צו זיך:

אַז איך וועל די סטרונעס אַ ריר טאָן
און טאָן מיטן סמיק אַ פֿיר,
אַז איך מיטן סמיק וועל אַ פֿיר טאָן
און גרייכן ביז צו דיר.

וועסטו שוין ליכטיק מאַכן,
די אויגן אָן עפֿן טאָן
און ס׳וועט זיך מײַן פֿידל צעלאַכן
פֿון דעם וואָס אַ פֿידל קאָן.

און דו וועסט דײַן טיר אַ צעפּראַל טאָן
מיט שײַן אין דער גאָרער ברייט
און איך וועל נאָך איין מאָל אַ שטראַל טאָן
און אַוועק פֿון דײַן בענקשאַפֿט באַגלייט.

1978

דער אָטעם אין אויער

און איידער איך טרעט אַריבער די שוועל
פֿון לאָקנדיקער ליבע,
איך מוז באַפֿרײַען די רויטע קרעל
פֿון שנירל קרעלן טריבע.

איך בין שוין געשלאָפֿן אײַנגעדעקט,
בין אָן אַ חלום געשלאָפֿן.
צו וואָס האָסטו אָנגערירט די דעק
און נאָך דעם צו זיך אַנטלאָפֿן.

צו וואָס דעם אומרו אויפֿגערירט,
דאָס פֿיבערן און דאָס צאַפּלען,
די קרעל, דעם רויטן פֿונק אין מיר,
צעבלאָזן מיט דײַנע שוואַרצאַפּלען?

צו וואָס? צו וואָס? אַדאַנק, אַ דאַנק!
איך בין שוין דײַן שוועל אַריבער,
שוין לאַנג, שוין לאַנג ניט געהערט דאָס געזאַנג,
דעם אָטעם אין אויער: ליבער.

1978

פֿאַרגעסן

פֿאַרגעסן הײַנט די בלומען צו באַגיסן,
פֿאַרגעסן צו באַגיסן דײַנע בלומען,
איך ווייס ניט צוליב וואָס דו דאַרפֿסט עס וויסן,
צו וואָס איך בין עס מעלדן דיר געקומען.

אָט שטייען זיי די בלומען פֿאַר די אויגן
און מײַנע אויגן זענען ביידע אָפֿן,
פֿאַרוואָס האָב איך געפֿוילט זיך אָנצובייגן
און בין בײַ טאָג אַוועק זיך לייגן שלאָפֿן.

און אָקערשט אויפֿגעשטאַנען און באַדויערט,
איצט מעלד איך דיר און איך לאָז דיר וויסן
מײַן שולד מײַן שווערע און מײַן גרויסן טרויער
און ווידער איך פֿאַרגעס די בלומען צו באַגיסן.

צייל זיי ניט...

צייל זיי ניט די פֿרויען. ניט אין צאָל
שײַנען זייערע ווײַטקייטן ווי שטערן.
ווייס, פֿון אָט די ווײַטקייטן אַ מאָל
וועט אַ זון אַ נאָענטע דיר ווערן.

לאָז אַרײַן די שײַן צו זיך אין האַרץ,
גיי דער שײַן אַקעגן און באַגעגן,
קריך ניט צו קיין שאָטן, וואָס איז שוואַרץ,
שאָטנס פֿון די ביימער בײַ די וועגן.

קני ניט צו קיין זאָכן, צו קיין קלייד,
זאָלן ליפּן אין דײַן אויג זיך רויטן,

קוק אַרויף און זע די פֿרומע פֿרייד
אײַנגעהילט אין זיבן הייסע הויטן.

לאָז דעם העלן נעפּל אַרום קאָפּ,
לעש ניט אויס די שטראַלן אַרום פּנים,
האַלט זיך, האַלט זיך, לאָז דיך ניט אַראָפּ,
שטעק ניט מיט קיין קנעכטשאַפֿט אָן דײַן זאָמען.

טרייסט

אין גאָרטן שפּאַצירט אַ פּאָרל אַרום.
דער וויפֿלטער גאָרטן? די וויפֿלטע פּאָר?
דער גאַנצער אַרום אין גאָרטן איז שטום
און קיינער דערציילט ניט, וואָס סע קומט פֿאָר.

און קיינער דערציילט ניט און יעדערער ווייסט.
די פּאָר גייט אַרויס און מאַכט אַן אָרט
פֿאַר פּאָרלעך נײַע און דאָס איז די טרייסט.
דער גאָרטן בלײַבט קיין מאָל ניט אָן קיין פּאָר.

אַלץ ווי געווען

ער גייט ווי אַ גנבֿ אַרויס פֿון איר הויז
און ס׳זעט ניט קיינער, ווי ער טראָגט אַרויס
בײַ זיך אין האַרצן איר בילד פֿון דער וואַנט — —
ער האַלט פֿאַרקוועטשט זײַן לײדיקע האַנט.

איר בילד אויף דער וואַנט און איר לעבעדיק בילד,
דאָס ערשטע איז מילד און דאָס צווייטע איז ווילד,
דאָס ערשטע — פֿון יאָרן צוריק אַ קינד,
דאָס צווייטע — אַ זאַמלונג פֿון יאָרן מיט זינד.

ער גייט ווי אַ מערדער אַרויס פֿון איר הויז
און קיינער זעט ניט, ווי ער טראָגט אַרויס

איר לעבעדיק בילד אַ טויטס אין זײַן האַרץ
און איבערגעדעקט אין גאַנצן אין שוואַרץ.

אַז קיינער ניט וויסן זאָל, וואָס ס'איז געשען,
פֿאַרבלײַבט אין הויז דאָרט אַלץ ווי געווען,
איר בילד אויף דער וואַנט און איר לעבעדיק בילד — —
דאָס ערשטע איז מילד און דאָס צווייטע איז ווילד.

אייפֿערזוכט פֿון אַ מאָלער

מיר האָט זיך געחלומט די נאַכט, אַז דו טראָגסט,
דו שוואַנגערסט פֿון דעם וואָס איך מאָל אים
און איך בין אויפֿגעשטאַנען פֿאַר טאָג
און דיך געשטראָפֿט פֿאַר מײַן חלום.

און דו האָסט געוויינט, דיך האָבן געקרענקט
די רייד מיט די בייזע בזיונות.
ביסט גרייט, זאָגסטו, לײַדן פֿון מײַנע געננג
נאָר ניט פֿון מײַנע חלומות.

ביסט גרייט, זאָגסטו, לײַדן קעלט און נויט,
ווען איך ווער געגאַרט און באַשווינדלט
און עסן ברויט מיט מיר אויפֿן לויט
און בענטשן מײַן יעדער בילדל.

איך ווייס עס אַליין, נאָר מער ווי אַ שעה
צי צוויי וועט נאָך מוזן פֿאַריבער,
ביז וואַנען מײַן הימל איז ווידער בלאָ
און איך בין אַ לויטערער ווידער.

בעט זיך די פֿרוי בײַ איר מאַן:

פֿלעשער וואָס שמעקן נאָך ווײַן
גלעזער וואָס שטינקען נאָך ביר,
ברענג מיר אין שטוב ניט אַרײַן,
לאָז זיי אויף יענער זײַט טיר.

האַרטער געזאַלצענער וורשט,
טרוקענע קעזלער ווי שטיין —
לעש ניט אין דרויסן דעם דורשט,
קום ניט קיין זאַטער אַהיים.

האָסט נאָך בײַ מיר ניט געפּאַסט,
כ׳קאָך ניט קיין שטרוי און קיין גראָז,
זיץ ניט אין שטוב ווי אַ גאַסט,
דריי ניט אויף מיר מיט דער נאָז.

פּאָרלער שפּאַצירן אין פּאַרק,
קוקסט עפּעס אָפּט צו דער טיר,
ציט דיך אַהין אַזוי שטאַרק?
וואַג ניט אַרויסגיין אָן מיר.

וואַג ניט אַרויסגיין אַליין,
שיט אויף מײַן וווּנד ניט קיין זאַלץ,
קוקסט ווי איך וואָלט אַ שטיין
דיר געווען אויף דײַן האַלדז.

זעץ דיך אַוועק אויף אַ ווײַל,
קוק זיך צו צו מײַן שטאַנד,
שטעל מיך ניט אָפּ, ווען איך אײַל
מיטן קינד אויף דער האַנט.

שטעל מיך ניט אָפּ, ווען איך יאָג
און דעם טיש איך גרייט,
הער מיך אויס, ווען איך זאָג:
עס געזונטערהייט.

שטעל מיך ניט אָפּ, ווען איך הענג
אויפֿן שטריק אויס דאָס גרעט,
נעם בײַ מיר צו, ווען איך ברענג
דיר אַ העמד צום בעט.

דאָס ליד פֿון אַ פֿאַרלאָזטן מאַן

מײַן לײַב איז צעבראָכן, שכן.
דו ביסט צו מײַן ווײַב געקראָכן, שכן.

דו ביסט מיט מײַן ווײַב געשלאָפֿן, שכן.
זי איז צו דיר אַנטלאָפֿן, שכן.
אַ באָרוועסע צו דיר אַנטלאָפֿן, שכן.
איצט קומסטו נאָך אירע פּאַנטאָפֿל, שכן.
נאָך אירע קליידערשראַנק, שכן.
און מאָנסט אויף ברויט פֿון אירעט וועגן, שכן.
איך זאָל איר געבן אויף צו לעבן, שכן.
ווײַל דו מוזסט מײַן ווײַב ניט אויסהאַלטן, שכן.
מײַן ווײַב, וואָס האָט זיך בײַ דיר באַהאַלטן, שכן.
דו ווינטשסט מיר איך זאָל קרענקען, שכן.
אַז מײַן ווײַב זאָל נאָך מיר ניט בענקען, שכן.
דו ווינטשסט מיר, איך זאָל שטאַרבן, שכן.
אַז דו זאָלסט מיך אין גאַנצן אַרבן, שכן.
דו ווערסט זי מיר ברענגען, זי זאָל מיך באַוויינען, שכן.
און זי איבערלאָזן אין שטוב מיט קיינעם, שכן.
אײַ, האָב איך טײַערע שכנים, שכן.

מיר האָט די נאַכט געחלומט זיך

מיר האָט די נאַכט געחלומט זיך,
אַז איך
אויף מײַנע אַלטע שוואַכע יאָרן
בין שוואַרץ געוואָרן
מיט האַרטע קאָטשעראָווע שוואַרצע האָר ווי קויל
אַנשטאָט מײַן פּליך,
מיט ווײַסע בלאַנקענדיקע שטאַרקע ציין
ווי שטיין
אַ פֿולן מויל
אַנשטאָט די ציין, וואָס זענען פֿויל
און פֿאַלן פֿונעם מויל, וואָס ווערט מיר הויל.
מיר האָט די נאַכט געחלומט זיך,
אַז טויזנט ווײַסע לינטשן מיך,
זיי האַקן פֿעסט און קאָנען מיר ניט אויסהאַקן די ציין,
זיי טאָפּטשען מיך און קאָנען ווייך ניט מאַכן מײַן געביין
און ס׳דרייט די ערד זיך אַרום מיר געשווינד
און אויף מײַן אָרט וואַקסט אויס מײַן קינד

מיט שוואַרצע האַרטע קוטשעראָווע האָר ווי קויל,
מיט ווײַסע בלאַנקענדיקע ציין איז פֿול זײַן מויל
און סע שטרעקט זיך אויס אַ ווײַסע האַנט
ווי אַ ווײַסע פֿאָן אין מיטן פֿון אַ שלאַכט
און ווי נאָך יעדער נאַכט
גייט אויף די זון איבערן לאַנד.

מײַן פֿעטער שלמה

1

דער גרעסטער ליגנער איז מײַן פֿעטער שלמה,
די ליגנס זײַנע שמען אויף דער וועלט,
ער קאָן אײַך, ווי מע זאָגט, אויפֿשטעלן אַ קוימען,
אַ קוימען אָן אַ דאַך און דאָך אַוועקגעשטעלט.

מײַן פֿעטער שלמה קאָן אײַך אָנדערציילן
מעשׂות ניט געשטויגן, אַ מעשׂה מיט אַ מת,
וואָס האָט געהאַט אַ שפּאַן פֿון זיבן איילן
און אויסגעשפּאַנט די וועלט אין איין מעת לעת.

און האָט אים ווער געפּאַקט בײַ אָט די ווערטער,
צי האָט שוין ווער געזען בײַ טאָג אַ מת ?
די מתים, ווייסט מען, וואַנדלען אין די נעכט נאָר.
ווו האָסטו פֿאַר דײַן מת גענומען אַ מעת לעת ?

האָט שלמה זיך צעשמייכלט : ווי געפֿעלט דיר ?
אויף אונדזער וועלט איז שטענדיק ערגעץ נאַכט
און שטענדיק ערגעץ טאָג אויף דער וועלט דער זעלבער,
אין זעלביקן מעת לעת איז שטענדיק טאָג און נאַכט.

ער פֿלעגט דערציילן וווּנדער פֿון אַ פֿערדל
און ניסים פֿון אַ בלאָטע ווו דאָס פֿערדל איז אַרײַן.
מײַן פֿעטער האָט געהאַט אַ רויט און ליכטיק בערדל,
וואָס האָט דעם פֿערדל אין דער בלאָטע צוגעשײַנט.

דאָס פֿערדל האָט זיך פֿון דער טיפֿער בלאָטע
געטאָן אַ רײַס אַרויס, דעם וואָגן מיטגעשלעפּט,

אַ וואָלקן אין אַ זײַדענער קאַפּאָטע
האָט פֿליגל צו דעם פֿערדל צוגעקלעפּט.

דאָס פֿערדל האָט זיך העכער אויפֿגעהויבן
און איז געפֿלויגן איבער לענדער, שטעט,
מײַן פֿעטער האָט אַרויפֿגעקוקט און אויבן
געזען די וווּנדער דאָרט, וואָס מער ער האָט גערעדט.

דאָס פֿערדל האָט געפֿאָכעט מיט די פֿליגל
פֿון ... פֿעטערס דמיון, וואָס האָט זיך צעשפּילט.
מײַן פֿעטער האָט גערעדט און אָפּט אויך לאַנג געשוויגן
און סודות און חלומות אין שווײַגן אײַנגעהילט.

ער האָט געחלומט פֿון אַן אוצר טיף באַגראָבן,
וואָס ער צוערשט אַליין אים אויסגעטראַכט,
דערנאָך געוואָלט אים אויף אַן אמת האָבן,
דער אוצר האָט מײַן פֿעטער אומגעבראַכט.

2

מײַן זיידע איז געווען אַ ייִד אַ פֿרומער,
מײַן טאַטע — שוין אַ ביסל אויפֿגעקלערט,
בײַם פֿעטער איז געווען דער קאָפּ אַ קרומער
און האָט געדרייט זיך אויף די אַקסל הין און הער.

מײַן זיידע איז געווען פֿון די כּלי קודש,
מײַן טאַטע האָט אַ בלאַט לייענען געוואַגט,
מײַן פֿעטער האָט גערעדט אויך לשון קודש,
מײַן פֿעטער שלמה האָט צום גראַם געקנאַקט.

מײַן פֿעטער האָט זײַן דיכטערשע פֿאַנטאַזיע
אַרײַנגעבראַכט אין טרוים, וואָס האָט גענאַרט,
אַז ערגעץ ווו אין אינדיע, אין אַזיע
אַן אוצר ליגט באַגראָבן און ער וואַרט.

אַן אוצר וואַרט אויף אים, מײַן פֿעטער שלמהן,
און רופֿט אים פֿון די ווײַטן אין די נעכט,
ער מאָלט זיך אים, דער אוצר, אין די טרוימען,
וואָס ער, מײַן פֿעטער, האָט אויף אים אַ רעכט.

ער האָט זיך מיט זײַן ווײַבל אָפּגעזעגנט,
זי אָפּגעגעט אין גאַנצן פֿרײַ צו זײַן
און איז אַוועק. אין דרויסן האָט גערעגנט,
דער אוצר האָט געבלענדט ווי זונענשײַן.

אַז ווויל איז דעם וואָס האָט אַזאַ פֿאַנטאַזיע,
אַז ווײ איז דעם וואָס ווערט פֿון איר געפּרוווט.
אַן אוצר רופֿט פֿון אינדיע, פֿון אַזיע,
מײַן פֿעטער האָט זיך צוגעהערט צום רוף.

און ווי קאָלומבוס מיט אַ שיף אַוועקגעלאָזט זיך,
און ווי קאָלומבוס גאָר פֿאַרפֿאָרן קיין בראַזיל,
נאָר פֿונעם אוצר אַלץ ניט אָפּגעלאָזט זיך
און אין די נעבט געזוכט אים אין דער שטיל.

מײַן זיידע האָט געזאָגט: עבודה זרה
איז יעדע גלוסטעניש און יאָגעניש נאָך גאָלד.
מײַן פֿעטער — טיף פֿאַרגראָבן אין זײַן נאָרע
האָט אַלץ געזוכט, אַרויסגיין ניט געוואָלט.

מײַן פֿעטער האָט אין חלום זיך פֿאַרגראָבן
און ווי אַ מוילוואָרף דאָרטן יאָרן אָפּגעלעבט.
דער אוצר, וואָס געוואָלט ער האָט אים האָבן,
האָט פֿאַר די אויגן אין דער פֿינצטער אים געשוועבט.

האָט בריוו געשיקט מײַן טאַטן יעדן מאָנטיק
— וואָס טוסטו דאָרטן נעבן ווײַב און קינד?
איך מאַך דיך פֿאַר אַ שותּף צום מאַיאָנטיק,
לאָז איבער קינד און רינד און קום צו מיר געשווינד.

מײַן טאַטע האָט געפֿאָלגט און איז געפֿאָרן,
מײַן מאַמע האָט באַגלייט אים אַ שטיק וועגס
און איצטער נאָך אַזוי פֿיל צענדליק יאָרן
געדענק איך אַלץ מײַן מאַמעס שווערע טעג.

3

מײַן פֿעטער איז אין שטאָט אַרײַן מיט רויטע אויגן
און מיט אַ באָרד צעשויבערט ווילד און רויט

געקומען פֿון די ווילדע מיט אַ פֿײַל-און-בויגן
און אָנגעהויבן דורך די נעבעך צו רעדן מיטן טויט.

ער פֿלעגט דורך נעבעך זיך דורכרעדן מיט גײַסטער,
מײַן זיידן רופֿן אָפּט פֿון יענער וועלט:
טאַטע, זע, קיין אוצר ניט, קיין טײַסטער,
בין אָפּגעריסן, הונגעריק און אָן אַ גראָשן געלט.

מײַן זיידע, דער קיטראָסער שוחט מעכל
איז מיטן חלף פֿון גן עדן גלײַך אַרויס:
וואָס לאָזסטו, גזלן דו, ניט רוען מיר, באַרעכן,
דו דאַרפֿסט קיין ווײַב און קינד, איז הענג זיך אויף און אויס.

מײַן זיידע איז געוועזן אויך אַ דיין,
ער האָט זײַן פּסק געחתמעט און איז אָפּ,
זײַן חתימה ברענט אין יענעם הויז עדיין,
ווו ס'האָט מײַן פֿעטער אין אַ שלייף אַרײַנגעשטעקט זײַן קאָפּ.

מײַן טאַטע האָט באַוויינט זײַן יונגן ברודער,
וואָס ער, דער עלטערער, צו אים אַרויפֿגעקוקט
און פֿון דער ווײַטן צוגעקוקט זיך צו דער
געשטאַלט דער כּישופֿדיקער, זיך כּמעט געבוקט.

נאָר ער איז אים אין וואַלד ניט נאָכגעגאַנגען
אין פֿרעמדן לאַנד צווישן מענטשן פֿרעמד,
געלאָזט זיך פֿון אַ פֿרוי אַ יונגער פֿאַנגען,
וואָס האָט אים אויסגעוואַשן און דערלאַנגט אַ העמד.

אַ מיידעלע געבוירן אים — מײַן שוועסטער,
און נאָך דעם יינגעלער — מײַנע ברידער צוויי,
דערמאָנט ער זיך אין מיר, איז באַלד פֿאַרגעסט ער,
פֿאַרשפּילט זיך מיט די קינדער דאָרט, מיט זיי.

איך בין געזעסן אַ פֿאַרשעמטער מיט מײַן מוטער
און אויסגעהערט צום וויפֿלטן שוין מאָל
די מעשׂה מיט מײַן פֿעטער, אַז ווייסט אים דער ניט גוטער
צוזאַמען מיט זײַן אוצר. סע וויינט מײַן מאַמעס קול.

4

מײַן פֿעטער שלעפּט זײַן אוצר אין אַ זעקל
און שטעלט זיך ווי אַ שרעקבילד בײַ מײַן בעט.
סע העלפֿט אים ניט זײַן לאָקן מיך, סע העלפֿט אים ניט זײַן שרעקן,
ווײַל איך פֿון לידער בין אַ דיכטער, פֿון לידער אַ פּאָעט.

און איך האָב פֿאַר קיין שרעקבילדער ניט מורא,
כאָטש זיי פֿאַרפֿאָלגן מיך אויף יעדן טריט און שריט.
זײַן טויט האָט מיר באַשריבן מײַן טאַטנס ווײַבל דבורה,
איצט קריכט ער פֿון איר בריוו צו מיר אין ליד.

פֿאַרשווינד פֿון מײַנע אויגן, פֿעטער שלמה,
דײַן תליה-שטריק איז שאַרפֿער פֿון אַ האַק.
מײַן חלום וועגן גליק איז ווײַט פֿון דײַנע טרוימען
און ליגט ניט ווי אַן אוצר אין אַ זאַק.

דײַן אוצר איז געלעגן טיף פֿאַרגראָבן
און האָט דיך מיטגעשלעפּט טיף אין גרוב אַרײַן.
מיר ווילט זיך ניט אַזאַ מין אוצר האָבן,
מיר ווילט זיך ליד און ברויט, געזאַנג און לופֿט און שײַן.

מײַן טאַטן האָסט געפֿירט אויף דײַנע וועגן,
ווען דו האָסט מיט דײַן אוצר אים געלאָקט,
זײַן היים מיט ווײַב און קינד פֿאַרלאָזט פֿון דײַנעט וועגן
און פּונקט ווי דו פֿון זיי זיך אָפּגעזאָגט.

דאָך ניט זײַן וועג איז עס געווען אין גאַנצן,
מע גייט ניט ביזן סוף אויף פֿרעמדן וועג.
איצט ווילסטו אים, דעם וועג, אַריבערפֿלאַנצן
צום צווייטן דור, צו מיר אין מײַנע טעג.

פֿאַרשווינד פֿון מײַנע אויגן פֿעטער שלמה,
פֿאַר מיר ביסטו ווי קיין מאָל ניט געווען.
צי קאָנען בלײַען טרוימען אָן די זוימען
פֿון ווירקלעכקייט, וואָס מ׳האָט זי ניט געזען ?

פֿאַרשווינד, פֿאַרשווינד, פֿאַרשווינד פֿון ד׳אויגן מײַנע,
דו נעפּלבילד, דו רויכיקע געשטאַלט.

דיך טרײַבט פֿון מיר אַוועק מײַן מאַמעס טענה,
מײַן זיידנס פּסק דיך טרײַבט צוריק אין וואַלד.

5

אַ מאָל-אַ מאָל בין איך אַ קינד געווען
ס'איז הײַנט שוין מײַן זכרון אָפּגעשוואַכט,
נאָר קיין מאָל-קיין מאָל וועל איך ניט פֿאַרגעסן
דאָס לעמפּל פֿון אַ דאָנערשטיק בײַ נאַכט.

געהאָנגען איז דאָס לעמפּל נעבן אויוון,
מײַן מאַמע האָט אין אויוון אײַנגעזעצט
און אין די פֿענצטער מיט די קליינע שויבן
אַ רעגנדל אַ דריבנע האָט גענעצט.

עס האָט די נאַכט אַרײַנגעקוקט אין פֿענצטער,
פֿון פֿענצטער האָט אַרויסגעקוקט אַ שײַן
און איך פֿון נאַכט און שײַן אין פֿענצטער אַ פֿאַרבלענדזטער
איך בין צום תּוך אין מיטן ניט אַרײַן.

איך בין געלעגן אויפֿן אויוון אויפֿן הייסן,
אין דמיון — אומגעגאַן אין דרויסן אויף דער קעלט,
גלײַך עמעצער וואָלט מיך געשיקט און מיר געהייסן
די פֿינצטערנישן אויסצומעסטן אויף דער גאָרער וועלט.

מײַן מאַמע איז בײַם אויוון שטיין געבליבן,
מײַן מאַמע האָט אין טאַטן זיך דערמאָנט;
מײַן טאַטן האָט דער גורל דער ייִדישער פֿאַרטריבן
אין אַן אַנדער נאַכט, אין אַן אַנדער לאַנד.

מײַן טאַטן האָט גערופֿן זײַן ברודער פֿון דער ווײַטן
און האָט מיט גאָלד-חלומות אים פֿאַרבלענדט,
זײַן ברודער האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿון גאָט און לײַטן
און האָט בײַם גאָלד-חלום די אויגן זיך פֿאַרברענט.

מײַן מאַמע האָט בײַם אויוון געוואַרעמט אירע טרוימען,
איך זע מײַן מאַמעס חלום נאָך אַצינד.
— מײַן טאַטע האָט פֿאַרענדיקט מיט זײַן ברודער שלמהן
און קערט זיך אום צוריק צו ווײַב און קינד.

זי האָט עס ניט געוווּסט נאָך, אַז מײַן טאַטע כאַטש פֿאַרענדיקט
מיט שלמהן, מיט זײַן ברודער, אָבער שוין ניט צוליב איר,
פֿון איר איז ער אַוועק, אַוועק פֿון איר אויף שטענדיק,
פֿון איר איז ער אַוועק און אויך אַוועק פֿון מיר.

און ציט זיך אויס אַ מאָל זײַן האַנט פֿון מײַנעט וועגן,
ער שטעלט זיך אָפּ, גלײַך עמעצער וואָלט אים אָפּגעשטעלט:
זאָל זײַן דײַן קינד אַ יתום, דו זאָלסט זיך ניט דערוועגן
צו שטערן אים צו מעסטן דעם חושך פֿון דער וועלט.

אין האָטעל

איך קוק פֿונעם זיבעטן שטאָק אין האָטעל
צום פֿענצטער אַקעגן איבער,
סע ציטערט אַ דינער שטריק אין מײַן זעל,
איך שפּאַן אויפֿן שטריק אַריבער.

איך קלאַפּ אין דער שויב און זוך דאָס געזיכט,
וואָס האָט מיך געלאָקט, איך זאָל קומען,
נאָר איצטער ציטערט דאָס הוילע ליכט,
וווּהין איז דאָס פּנים אַנטרונען?

איך פֿיל די וואָג פֿון אַ האַנט אויף מײַן קאָפּ,
אַ האַנט עפֿנט אויף דאָס פֿענצטער,
אַ דריטע האַנט וואַרפֿט מיך אַראָפּ,
איך פֿאַל אַראָפּ אין דער פֿינצטער.

און ליגן איך בלײַב אויף אַ גוף, אויף אַ מת,
וואָס איז אין אַ שלאָף פֿאַרשטאָרבן,
איך שטרעק זיך אויס און איך פֿאַרגעס
מקבֿר צו זײַן דעם קרבן.

איך דריי זיך אַהער און אַהין ביז שפּעט,
איך באָד זיך אין זיבעצן שווייסן,
איך שטעל זיך אויף און פֿון מײַן בעט
טראָגט זיך דער ריח פֿון מתים.

ריאָ דע זשאַניירא, יוני 1973

אַ נאַכט אין ריאָ

רעסטאָראַן-גערויש, משוגענע מוזיק,
פּלעשלער-אַקראָבאַטן טאַנצן אויף אַ שטריק
אַ געפּלאַכטענעם פֿון לאָמפּן-ליכט.
דער עולם ביַי די טישלעך זיצט געדיכט
און לאָזט פֿאַרטויבן זיך
פֿון פֿרעמדע, שריַיענדיקע, זינענלאָזע שטיק.
סע גייט די צײַט
און שלינגט די זאַלץ-און-פֿעפֿער איַין
און פֿון אַן אַנדער זיַיט,
פֿון סאַמע פֿראָנט
צעעפֿנט זיך דער בראַזיליאַנער האָריזאָנט
און ס'וואַקסט אַרויס
אי הויך אי גרויס
אַ שוואַרצהאָריקער, שוואַרצאויגיקער, בלייכער יונגערמאַן
און אויף דער ברייטער בינע פֿונעם רעסטאָראַן
ער כישופֿט מיט דער האַנט
אַרויס פֿון דער גיטאַרע דאָס צעשפּרייטע לאַנד
און מיטן קאָפּ אַרויף
אַ שמאָלע זינגערין גייט אויף
און אויף אַ ריזנטאַץ
טראָגט זי דאָס געזאַנג אַריַין אין רעסטאָראַן-פּאַלאַץ.
די גלעזער אויף די טישלעך הערן אויף צו קלינגען,
ווען דאָס פֿאָלק דאָס נאַקעטע קומט זינגען,
ווען דאָס פֿאָלק דאָס באָרוועסע קומט טאַנצן
הערן אויף די אוירינגלעך צו גלאַנצן
אין די אויערן פֿון די דאַמען
אין די רעסטאָראַנען.
עקסטאַז.
אויף די פֿעדערן די פֿאַרביקע פֿון דשאַז
בליצט דער חלום פֿונעם יונגן פֿאָלק,
וואָס שטעלט אַרויס
די ברוסט פֿאָרויס
און טרעט אַ רגע אָפּ צוריק
און גייט אויף לינקס
און גייט אויף רעכטס,
בליַיבט שטיין אַ רגע ווי אַ מאַסן-ספֿינקס

און זינגט און זאַלצט אַרײַן זיך אין געקעכטס
דאָס קאַלט געוואָרענע, דאָס ניט גערירטע,
דאָס צוגעגלעטע דאָס פֿריזירטע
אויף די אויסגעפּרעסטע טישלעך אויף די ווײַסע.
די זינגערין זינגט אויס אַ טרויעריקע ליבע-מעשׂה.
אויף דער בינע גייט געשיכטע, שפּאַנט
און די גיטאַרע אין דער האַנט
פֿונעם בלייכן יונגנמאַן
פֿלאַנצט אַ וואַלד אין רעסטאָראַן,
די זינגערין הייבט העכער אויף דאָס קול
און מיט אַ מאָל
אַ טעפּיך שפּרייט זי אויס
און אויפֿן טעפּיך נייט זי אויס אַ דינעם טאַנץ אָן טריט,
מיט פֿעדעם ליכטיקע נייט זי אויס אַ ליד.
גרין און רויט בליצט אויף און זע:
ווי קומט אַהער ביזע ?
און קאַרמען די ציגײַנערטע איז דאָ,
אין רעסטאָראַן ווערט בלאָ
און ליכטיק ווערט
אויף אָט דער כּישופֿדיקער ערד
און ווידער נאַכט,
די בינע — בלאָ פֿאַרמאַכט,
דער עולם ווייסט ניט וואָס מיט זיך צו טאָן
אַ ווײַטער ייִדישער פּאָעט איז צווישן זיי אין קאָן,
ער גיט דעם טאָן
און רײַסט די שטילקייט אויף, צעפּראַלט,
דער עולם שרײַט און שטראַלט.

ריאָ, יוני 1973

צווישן סאַן פּאַולאָ און ריאָ

פֿאַר אליהו ליפּינער

צווישן סאַן פּאַולאָ און ריאָ
פּאַשען זיך ווײַסע פֿערד
און איך האָב געהאַט די זכיה
צו זען אָט די גרינע ערד.

און איך האָב די זכיה געהאַט
צו טרעפֿן דאָ ייִדן פֿרומע
און אַזעלכע וואָס האָבן זיך געשמדט
און זענען צוריק געקומען.

צווישן סאַן פּאַולאָ און ריאָ
פּאַשען זיך ווײַסע פֿערד
און איך האָב געהאַט די זכיה
צו זען אָט די גרינע ערד.

און איך האָב געהערט דאָ: "שמע
ישראל" פֿון דער ווײַטן,
אויף איינעם אַ פֿערד אַזאַ
וועט קומען משיח צו רײַטן.

צווישן סאַן פּאַולאָ און ריאָ
פּאַשען זיך ווײַסע פֿערד
און איך האָב געהאַט די זכיה
און געזען אָט די גרינע ערד.

ריאָ דע זשאַנייראָ

אַ בילד האָב איך ליב, אַז אַ מאָלער מאָלט
אויף לײַוונט אין אַ רעמל
און וויל מען עס זען בײַ נאַכט אַ מאָל,
גענוג איז דאָס מינדסטע פֿלעמל.

נאָר אַז אַ בילד מיט בלוי און מיט גרין
מיט הײַזער און בערג אין מיטן
זאָל אויסציען זיך אַזש ביז אַהין,
ווו סע ווערט פֿון דער לופֿט פֿאַרביטן.

איז ניט פֿאַר מײַן האַרץ און ניט פֿאַר מײַן אויג
און ניט פֿאַר מײַנע געמיטן.
איך בענק צוריק צו פֿעלד, צו סטויג,
נאָך דעם ווי דאָס ברויט איז געשניטן.

איך בענק צוריק צו דאָרף און שטאָט
אויף טויזנטער ווערסט פֿון דאַנען,
וווּ שטיין איז שטיין און דראָט איז דראָט
און גראָזן בליִען און וויאַנען.

אַ בילד האָב איך ליב אַז אַ מאָלער מאָלט
אויף לײַוונט אין אַ רעמל
און וויל מען עס זען בײַ נאַכט אַ מאָל,
גענוג איז דאָס מינדסטע פֿלעמל.

יוני 1973

אמת׳ן באַקאַנטע

בײַם סאַמע אָנהויב פֿון זײַנע יאָרן
איז ער געבוירן געוואָרן,
אין סאַמע מיטן פֿון זײַנע יאָרן
האָט ער אַ העלפֿט פֿון זײַן לעבן פֿאַרלאָרן,
בײַם סאַמע סוף פֿון זײַנע טעג
איז ער פֿון דער וועלט אַוועק.

אמת׳ן באַקאַנטע, שוין פֿון לאַנג דערעסן,
האַלט זיי אויף, זיי ווילן זיך פֿאַרגעסן.

ס׳וויל זיך מיר גלייבן

ס׳וויל זיך מיר גלייבן,
דו פֿאָרסט
מיטן שליאַך
אָדער שפּאַנסט
ערגעץ אום.
עס לעשן די שויבן
מײַן דאָרשט
מיטן טײַך,
וועלכער גלאַנצט
אויף דער זון.

ס׳וויל זיך מיר הערן
דײַן טראָט
פֿון דער ווײַט
און איך הער
אים שוין דאָ.

און ס׳וויל זיך מיר שווערן
פֿאַר גאָט
און פֿאַר לײַט,
אַז קיין שטער
איז ניטאָ.

ס׳וויל זיך מיר האָפֿן,
דו ווייסט,
וואָס איך טראַכט,
וואָס איך פֿיל,
וואָס איך וויל.
מיך שלעפֿערט אַ שלאָפֿן
ווי טרייסט
אין דער נאַכט,

ווען ס׳איז שטיל,
ווען ס׳איז קיל.

ס׳וויל זיך מיר פֿילן
דײַן האַנט
אויף מײַן קאָפּ,
אויף מײַן באַק,
אויף מײַן גוף.
איז לאָמיר זיך שטילן
בײַנאַנד
באַרג אַראָפּ
בײַ דער האַק
פֿונעם סוף.

די מוטער רחל

איז געזעסן די מוטער רחל פֿאַרטראַכט,
ס׳האָט גאָט, ברוך הוא, צו איר ניט גערעדט,
דעם איינציקן זון פֿון איר מוטערטראַכט,
וואָס זי האָט געבוירן פֿון איר חבֿר,
האָט גאָט, ברוך הוא, פֿון איר ניט געמאָנט,
ווי ער האָט פֿון שׂרהן געמאָנט אַ קרבן,
ס׳האָט רחל אין יצחקן זיך דערמאָנט
און יעדער איר אבֿר איז אָפּגעשטאַרבן,
ווײַל אירער איז זיך מקריבֿ אַליין,
כאָטש גאָט, ברוך הוא, האָט עס ניט געבעטן,
איצט רינט איבער גאָר דער ערד איר געוויין
אויף אַלע וועגן, ווו מיר טרעטן.
איז לאָמיר בעטן, אַז גאָט, ברוך הוא,
דערהערן זאָל אירע מוטערטרערן
און זאָל איר אומקערן די רו
אַז זי זאָל דאָס קול פֿון איר זון דערהערן
און זי וועט קומען צו דער שוועל
און ס׳וועט דער זון איר גיין אַקעגן
און זי וועט אים זאָגן: מײַן זון, איך וועל
מיט דיר שוין גיין אויף דײַנע וועגן.

און אַט איז

און אַט איז די אויסגעחלומטע רו
און אַט איז דער באַרג — און דו ?
וווּ ביסטו, דו ?

געפֿאַלן צוריק אין רווישיקן טאָל,
צוריק צום אַמאָליקן אַמאָל
אין רווישיקן טאָל.

איך וואַרף דיר אַ שטריק אין טאָל אַראָפּ,
וואָס טוסטו ? וואָס שטופּסטו אין שלייף דײַן קאָפּ ?
איך לאָז אים אָפּ.

דער שטריק איז געבליבן דאָרט בײַ דיר,
וואָס טוסטו מיט זיך ? וואָס טוסטו מיט מיר,
אין טאָל בײַ דיר ?

פֿעברואַר 1976

איבער זיך

ער אַרבעט איבער זיך ווי איבער אַ סקולפּטור,
ער טאָקט דעם גוף און שניצט אים, פֿײַלט אים, שלײַפֿט
און קוקט אין שפּיגל אויף זײַן קרעאַטור,
וואָס האָט זיך ווי אַן עפּל אויסגערײַפּט
און ווי אַ שלאַנקער שטאַם זיך אָנגעשטײַפּט.

ווי פֿרויען שוואַנגערע

ווי פֿרויען שוואַנגערע וואָס אומגעדולדיק וואַרטן,
איך פֿיל אין זיך דעם אומרו פֿון אַ ליד אַ צאַרטן.
בײַ פֿרויען טרעפֿט אַ קינד אַ ניט געראָטנס,
בײַ דיכטער טרעפֿט אַ בילד פֿון סאַמע שאָטנס,
די פֿרוי, די מוטער, וויינט, מע זאָל ניט הערן,
דער דיכטער מיינט, ס׳איז יעדער ליד אַ שטערן.

שטערן אויפֿן הימל

שטערן אויפֿן הימל

וואָס איז אונדז געבליבן?
וואָס איז אונדז באַשערט?
שטערן אויפֿן הימל,
לידער אויף דער ערד.

אויסגעהאַקטע וועלדער,
טײַכן אויסגעדרייט,
שאָטנס אויף די פֿעלדער
און דער זייגער גייט.

און די שטיוול קלאַפּן
צו דעם זייגערטאַקט
און מיט שטראַלן טאַפּט מען
אָן דאָס האַרץ פֿון טראַקט.

און די שיפֿן שנײַדן
כוואַליעס אויף דער העלפֿט
און די טיפֿן לײַדן
און זיי שרײַען: העלפֿט,

פֿון די טיפֿסטע טיפֿן
שרײַט עס ביז אַרויף
און די שיפֿן שטיפֿן
און זיי פֿליִען אויף.

צינדן אָן, צעברעכן
אַלטע וואָלקנשטעט
און דאָס וווּנדערלעכע
אָפּבילד אויף דער ערד.

ס'איז דער רוים פֿאַרגליווערט
און די ערד פֿאַרוויסט
און דער הימל שימערט
פֿון דער ווײַטן, גריסט.

קומט מען צו אַ שטערן,
אַלץ דער הימל ווײַט
און די שטערן — ערדן
דרייען זיך פֿאַרשײַט.

איינער אַרום צווייטן,
אַרום אייגענער אַקס
און מע טוט זיך שיידן
און די ווײַטקייט וואַקסט.

וואָס איז אונדז געבליבן?
וואָס איז אונדז באַשערט?
שטערן אויפֿן הימל,
לידער אויף דער ערד.

ויהי ערבֿ ויהי בוקר

נאָך לאַנגע פּוסטע נעכט איז ווידער נאַכט,
איז ווידער ויהי ערבֿ ווי אין בראשית.
סע פֿאַלט אַן אַלטער פּחד און די אַלטע פּראַכט
פֿון יונגע שטערן איבער אונדז פֿאַרשפּרייט איז.

מיר האַלטן בײַ די הענט זיך אין אַ וואַלד
פֿון פֿינצטערניש און שאַרכעניש און שווײַגן
און אַז סע ווערט אונדז אין די פּלייצעס קאַלט,
מיר דרייען אויס די פּלייצעס צו די צווײַגן.

און אַלע מאָל אַן אַנדער ריכטונג, אויף אַן אַנדער וועג
און אונדזער טראָט אין גאַנצן וואַלד פֿאַרשפּרייט איז.
ס׳איז ווידער טאָג נאָך לאַנגע פּוסטע טעג,
ס׳איז ווידער ויהי בוקר ווי אין בראשית.

מײַן וועלט

מײַן וועלט איז דאָס פֿעלד אין דרויסן,
מײַן וועלט איז דאָס פֿענצטער אין הויז.
איך פֿיל זיך אָפּט עלנט, פֿאַרשטויסן
און קוק ניט אַפֿילו אַרויס.

ס׳גייט מיר דער חשק פֿאַרלוירן
אַרויסגיין אין דרויסן, אין הויף,
ווײַל פֿאַל איך אין גאַנג, האָב איך מורא,
אַז קיינער הייבט מיך ניט אויף.

איז בלײַב איך אַזוי מיטן רוקן
צום דרויסן, צום הויף, צום פֿעלד
און רייץ ניט דאָס האַרץ מיט קיין קוקן
און רייץ ניט דאָס אויג מיט קיין וועלט.

פֿאַרמאַך דעם טויער

פֿאַרמאַך דעם טויער, אַז די היץ
זאָל ניט אַרײַן דורכן טויער,
דער לעצטער טראָפּן איז שוין אויסגעשוויצט
און פֿאַלט אַראָפּ פֿון לינקן נאָסן אויער.

פֿאַרמאַך דאָס פֿענצטער, אַז די זון
זאָל ניט אַרײַן דורך די שויבן,
די שטראַלן שלאָגן אָפּ זיך און דערפֿון
זיך צינדן אין דער לופֿטן אַן די שטויבן.

פֿאַרשליס די טירן, אַז דער ווינט
זאָל דיר ניט אויפֿשליסן די טירן

און ניט אַרײַנלאָזן די זינד,
וואָס קומען אַלטע לײַט פֿאַרפֿירן.

פֿאַרמאַך, פֿאַרשליס.

דער דרויסן

דער דרויסן, וואָס בליט אין מײַן געמיט,
איז ניט דער דרויסן אַרום דעם הויז,
דער דרויסן אַרום דעם הויז איז גרויס,
נאָר גרעסער איז דער, וואָס רײַפֿט און גליט
אין מײַן געמיט און וויל ניט אַרויס.

איך טראָג אים אין זיך, ער גייט מיר נאָך
און חלומט זיך מיר אַ גאַנצן טאָג
און אַלע זיבן טעג אין דער וואָך,
איך פֿיל די וואָג זײַנע, ווען איך זאָג:
„דער דרויסן" — ער איז מײַן עול, מײַן יאָך.

פֿון קינדווײַז אָן די גרינע ערד
אַרום דעם שטעטל און דער טײַך,
דער נאַכטיקער הימל (מיט שטערן רײַך)
דערנאָך דער וועג, דער וואָגן, דאָס פֿערד,
דאָס גראָז פֿאַר טאָג, וואָס איז פֿריש און פֿײַכט.

דערנאָך די באַן, וואָס פֿירט אַוועק
צו אַלע דרויסנס, וואָס אויף דער וועלט,
וואָס זענען אין אַלע עקן צעשטעלט
אין גאָר דער וועלט, וואָס האָט ניט קיין ברעג
און פֿילט אָן דאָס יונגע האַרץ מיט שרעק.

דערנאָך דאָס פֿליִען אין דער לופֿט
אַריבער די וואָלקנס און אַראָפּ
און ווידער אַרויף, סע שווינדלט אין קאָפּ.
איך הער די שטים פֿון דער ערד, וואָס רופֿט:
אַראָפּ, אַראָפּ! און רו דיך אָפּ.

דער דרויסן, וואָס בליט אין מײַן געמיט,
איז ניט דער דרויסן אַרום דעם הויז,
דער דרויסן אַרום דעם הויז איז גרויס,
נאָר גרעסער איז דער, וואָס רײַפֿט און גליט
אין מײַן געמיט און קאָן ניט אַרויס.

פֿײַער

צי זיך, צי זיך, צי צוריק זיך,
ווער, כאָטש איינער, האָט געריכט זיך,
אַז פֿון קליינעם פֿײַערפֿלעמל
פֿון אַ צווײַגל, אַ דין שטעמל
וועלן אויסוואַקסן די פֿלאַמען
ביז די טיר-און-פֿענצטער-ראַמען,
ביז די דעכער, ביז די פּלויטן,
אָנטאָן זיי אין רויטע הויטן
און וועט ברענען און וועט בראָטן
בוים און שײַן און מענטש און שאָטן.

רויך

צי זיך, צי זיך, צי צוריק זיך,
זע, די שטאָט אין רויכעס שטיקט זיך,
אַלע רויטע פֿײַערצונגען
פֿון די רויכעס שוין פֿאַרשלונגען,
גייט דער רויך אויף בערג און טאָלן
גאָר די וועלט אויף רויך צעמאָלן,
ס'האָט דער טײַך שוין אויך פֿאַרשפּרייט זיך
מיטן רויך, וואָס האָט געדרייט זיך,
ביז ער איז איין שטיק געוואָרן,
איין שטיק רויך אויף אַלע יאָרן.

קעלט

געלאָזט אין דער היים אַן אויוון אַ גרויסן
און דאָ צעצונדן אַ גרויסן שײַטער.

איך ציטער אין וואַלד, די צווייַגן רוישן,
מייַן פֿערדל ציטערט און טראָגט זיך ווייַטער.
איז קאַלט אויך דעם פֿערד? איז קאַלט אין דרויסן?
סע פֿרעגט ניט מייַן פֿערד די פֿראַגע דעם רייַטער.

איך רייַט אַרויס צו דעם פֿעלד צו דעם גרויסן.
קיין ענטפֿער ניטאָ. איך ציטער ווייַטער.
איך ציטער פֿון קעלט. איז קאַלט אין דרויסן?
סע שטעכט אין די הענט, סע לעשט זיך אַ שייַטער.
סע ציטערט פֿון קעלט דער גאַנצער דרויסן,
ער ציטערט און ציטערט און ציט זיך ווייַטער.

סוכאָבעזוואָדנאָוע 1952

מיר האָבן געבלאָנדזשעט

מיר האָבן געבלאָנדזשעט אין גלות,
פֿאַרבלאָנדזשעט צו זיך אַהיים,
מיר האָבן געבראַכט אין די פּאַלעס
צום זאַמד אַ מעסטל מיט ליים.

מיר האָבן געבלאָנדזשעט אין לענדער,
פֿאַרבלאָנדזשעט צו זיך אין לאַנד,
מיר האָבן פֿון פֿרעמדע געווענדער
אַרויסגעצויגן אַ האַנט.

אַ נאַקעטע האַנט אַ בלאָע
מיט בלוט אונטער בלויער הויט,
ציט זיך די האַנט מיט הנאה
צו אַלץ, וואָס איז ליכטיק און רויט.

ציט זיך די האַנט צו די דעכער
און בויט אויף די דעכער אַרויף
שטיינערנע ווענט מיט לעכער,
וואָס קוקן אַוועק צום אין-סוף.

הערש סאַדאָוניק

פֿון הערש סאַדאָוניק שמעקט מיט עפּל,
מיט באַרן און מיט פֿלוימען,
נאָר הערשל טראָגט אַרום אַ נעפּל
אין אויגן פֿול מיט טרוימען.

ער גייט אַרום און קוקט אַריבער
די פּלויטן פֿון די סעדער
און איבער אַלע גלות-שטיבער
און גאָר דעם גלות-גדר.

ביַי אים אין שטוב איז פֿול אַצינדער
מיט קעסטלעך — פֿרוכטן-שטיַיגן,
נאָר ער אַליין ברענגט זיַינע קינדער
דריַי באָקסערס און פֿיר פֿיַיגן.

די רונדע עפּל, וועלכע פֿלאַמען
ווי באַקן פֿון אַ מיידל,
די שמאָלע באַרן, וועלכע שטאַמען
פֿון ביימער אויסגעאיידלט.

די רויטע וויַינשל, וועלכע שמייכלען,
די שוואַרצע פֿלוימען פֿרישע,
די אַבריקאָסן, וועלכע גרייכן
די סאַמע ריַיכסטע טישן.

זיי קוקן — הערש און זיַין משפּחה —
און ווערן ניט נתפּעל
און אַלע מאַכן זיי אַ ברכה
אויף פּירות פֿון ישׂראל.

מיט פֿאַרצויגענע אויגן

וואָס מער איך פֿאַרצי מיַינע אויגן,
אַלץ ברייטער די ערד ווערט צעצויגן,

די ערד אין דער לענג ווערט צעשניטן
פֿון וועג אין דער סאַמע מיטן.

די ערד איז אַ גלאַנציקע גרינע,
דער וועג איז אַ ווײַסער אַ דינער,
אַ שמאָלער אַזאַ און אַ העלער,
וואָס ווײַטער ווערט ער אַלץ שמעלער.

וואָס ווײַטער . . . אָט זע איך זיך שפּאַנען,
אַ פּיצל איך זע זיך פֿון דאַנען
וואָס ווײַטער אַלץ קלענער און קלענער —
אַ שפּור פֿון דער צײַט פֿון יענער.

עס הייבן אָן וויי טאָן די אויגן
פֿון זײַן צוזאַמענגעצויגן,
ווײַל צו פֿיל פֿאַרציִען מע טאָר ניט,
צעעפֿן איך זיי און זע גאָרניט.

25.3.1977

מאַך צו

מאַך די ווענט מיר און די סטעליע צו
און פֿאַרהענג די פֿענצטער מיט אַ נעפּל,
גיב דער שוועל מײַנער אַ קליינעם טראָפּן רו
און מײַן טיר לאָז איבער ניט געעפֿנט.

כ'דעק זיך מיט די גראָע שעהען אײַן,
ביז סע ווערט מיר וואַרעם אין די גלידער.
ווען כ'וועל אויפֿשטיין וועל איך עלטער זײַן
און איך וועל אַנטשלאָפֿן ווערן ווידער.

כ'הער אין שלאָף אין דרויסן פֿאַלט אַ שניי
און די שײַן שנײַדט יעדן אין די אויגן,
האַלט איך זיי באַהאַלטן מײַנע צוויי
אויגן און איך האַלט זיי אויסגעבויגן.

און אין חלום האַלט איך זיי פֿאַרשטעקט,
אויסגעהיט פֿון שײַן און פּײַן און ווייטיק,

ביז סע נעמט צום גליק מײַנעם אַן עק
און קיין שוץ איז מערער מיר ניט נייטיק.

און קומען אַ טאָג וועט

און קומען אַ טאָג וועט באחרית-הימים,
אַ טאָג אָן אַ נעכטן, אַ מאָרגן — אַליין.
ס׳וועט ווײנען אַ וואָלף מיט אַ יעגער צוזאַמען,
דער יעגער אָן ביקס און דער וואָלף אָן די ציין.

און קומען אַ טאָג וועט באחרית-הימים,
און קומען אַ טאָג וועט און וועט ניט פֿאַרגיין.
די זון וועט זיך לעשן אין די אייגענע פֿלאַמען
און וועט שוין אָן כּוחות זיך אָפּשטעלן, שטיין.

און קומען אַ טאָג וועט אין גיכן מסתּמא
אָן וואָלקנס, אָן ווינטן, אָן כוואַליעס, אַליין.
און קומען אַ טאָג וועט באחרית הימים,
און קומען אַ טאָג וועט און וועט ניט פֿאַרגיין.

זוכט מײַן שאָטן

זוכט מײַן שאָטן מיך אַ גאַנצן טאָג אַרום —
איך באַהאַלט זיך פֿאַרן שאָטן אויף דער זון.

קיין באַהעלטעניש קיין בעסערס איז ניטאָ
אויף דער זון און אויף דער העל און אויף דער בלאָ.

אָן אַ רעקל, מיט אַן אָפּגעדעקטן קאָפּ
שטיי איך און איך קוק ניט אויף די שיך אַראָפּ.

זאָל ער קומען אויף די שפּורן, נאָכגיין טראָט נאָך טראָט,
איך בין רויִק אויף דער זון אין מיטן שטאָט.

וואַסערן

כ׳האָב געגראָבן אין מײַן הימל און אַ ברונעם אויסגעגראָבן,
איצטער גיסן זיך די וואַסערן פֿון דאָרטן,

אַז איך זאָל זיי נענטער צו מײַנע דאָרשטן האָבן,
אַז איך זאָל זיי האָבן נענטער צו מײַן גאָרטן.

אַז איך זאָל די וואַסערן פֿון דאָרטן — דעם שמים
האָבן אויף דער ערד דאָ, אין דער ערד דאָ האָבן,
אַז איך זאָל פֿון דאָרטן די וואַסערן באַפֿרײַען
און דערנאָך מײַן ברונעם אויף דער ערד דאָ גראָבן.

רעגן. רעגן. רעגן. ס'הערט ניט אויף צו גיסן
און צו פֿליסן איבער שטיינער-ריפּן, זאַמדן-זיפּן —
ניט קיין סך און ניט קיין ביסל נאָר אַ פֿולע שיסל
זאַמלט אונטערערדיש זיך דאָס וואַסער פֿאַר די ליפּן.

וועלטלעכע זאַכן

איך האָב זיך אַרומגעבויט מיט אַ הויז
פֿון פֿענצטער אַרויסצוקוקן,
איך קוק שוין לאַנג — שוין לאַנג ניט אַרויס,
איך שטיי צו דער שויב מיטן רוקן.

איך האָב זיך אַרומגעבויט מיט אַ פּלויט
דעם טויער צו פֿאַרשליסן,
עס זאָל ניט קאָנען קומען דער טויט
אַזוי זיך, אָן מײַן וויסן.

איך האָב זיך מיט שכנים אַרומגעשטעלט,
מיט הויכע-הויכע שטיבער,
עס זאָל פֿון יענער זײַט די וועלט
ניט קאָנען די שטיבער אַריבער.

איך ליג שוין דעם דריטן טאָג אין בעט
און קאָן קיין גלאָז טיי זיך ניט מאַכן,
איך הער ווי דער טויט מיט די שכנים רעדט
וועגן וועלטלעכע זאַכן.

איז גוט אַזוי, נאָר ס'איז מיר אַ שאָד,
וואָס כ'האָב ניט קיין כּח צו לאַכן

און נאָר דו איינער, גאָט, מײַן גאָט,
קאָנסט עס מיר גרינגער מאַכן,
סע זאָל זיך ניט װעלן מיר לאַכן.

* *
*

די ערד איז גראָז און דער הימל — גלאָז,
אַ קאָרטנשטיבל, װאָס צעפּאַלט פֿון אַ בלאָז.

און פֿונעם תּוהו ובֿוהו אַנטשטייט
אַ װאַלד מיט װאָלקנס, אַ סטאַדע, װאָס גייט

איבער די שפּיצן פֿון בוים און צװײַג
און שטײַגט און פֿאַלט, און פֿאַלט און שטײַגט.

אַ בליץ שנײַדט דורך פֿון עק ביז דער מיט —
פֿון דער מיט ביזן עק — אַ צװייטער שניט.

און רײַסט די װאָלקנס אויף װי זעק
און ס'גיסט װי פֿון פֿעסער פֿון עק ביז עק.

סע גיסט און סע פֿליוכעט, סע שטראָמט און סע פֿלייצט
און צװישן די גראָזן װעקט זיך דער װייץ.

סע װעקט זיך דער האָבער, דער גערשטן אין פֿעלד
און בילדן דאָס בילד פֿון דער ברייט פֿון דער װעלט.

די זון װאַרפֿט די ליידיקע זעק אַװעק
אַ רעגן-בויגן פֿון עק ביז עק.

מיר זעען ניט דעם װינט

מיר זעען ניט דעם װינט, װאָס בלאָזט
און ניט די זאַכן בײַ דער נאָז,
מיר גראָבן זיך אין טיפֿע צײַטן.
ס'איז יעדער אויג אַ פֿילאָזאָף,
װאָס װיל דערגרונטעװען דעם סוף
פֿון אַלע װײַטסטע װײַטן.

כ׳געדענק שוין הײַנט ניט

כ׳געדענק שוין הײַנט ניט, ווען דאָס איז געווען,
די ראָם פֿון דער צײַט איז זיך צעפֿאַלן.
כ׳געדענק שוין הײַנט ניט אין וועלכער שײַן,
אין וועלכע פֿאַרבן, אונטער וועלכע שטראַלן.

כ׳געדענק נאָר דעם שטערן — די שילד פֿון קאָפּ
אויסגעקנייטשט און אַ ביסל אָנגעבויגן,
די אויגן אָבער קוקן ניט אַראָפּ
און איך געדענק דאָס פֿײַער אין די אויגן.

כ׳געדענק דאָס פּנים אָפֿן, צעפּראַלט
און די ליפּן אויף זיבן שלעסער פֿאַרשלאָסן,
די אויגן — צוויי שייטערס אין פֿינצטערניש פֿון וואַלד,
וואָס לעשן זיך און ווערן ניט פֿאַרלאָשן.

כ׳געדענק שוין הײַנט ניט, ווען דאָס איז געשען,
דאָס גרויסע געשעעניש פֿון שווײַגן
און אויך ניט דאָס אָרט, ווו דאָס איז געווען,
איך זע עס אַצינד שוין ווי דורך צווײַגן.

פֿאַרמאַכטער סאָנעט

די אַרבעט שלעפּט פֿאָרויס, פֿאָרויס, פֿאָרויס,
ניטאָ קיין צײַט אַפֿילו אָנצוקוקן
די בערג מיט ווערק פֿאַרגרייט אויף אָפּצודרוקן,
זיי וואַקסן הינטער אונדז ווי אָט דאָס הויז,

וואָס לויפֿט אַקעגן אונדז און לויפֿט פֿאַרבײַ,
מיר קוקן ווײַטער אויף אַזעלכע הײַזער,
מיר יאָגן זיך ווי דער סעקונדע־ווײַזער,
מיר יאָגן זיך נאָך נײַס, וואָס איז ניט נײַ.

און ווי דער ווײַזער דרייט זיך אין אַ קרײַז
פֿון מדבר־זאַמד פֿאָרויס צום צפֿון־אײַז,
פֿון צפֿון־אײַז פֿאָרויס צום מדבר־זאַמד.

מיר קומען שטענדיק אָן צום זעלבן לאַנד
און צו דער זעלבער שטאָט, צום זעלבן הויז
און יאָגן ווײַטער זיך פֿאַרויס, פֿאַרויס, פֿאַרויס!

דער מענטש

דורך דער חיה, דורכן פֿיש און דורכן פֿויגל
איז דער מענטש געקראָכן און געפֿלויגן,
איז דער מענטש געגאַנגען און געשווּומען,
ביז ער איז צו זיך, צום מענטש געקומען.
נאָך דעם האָט דער מענטש-אין-מענטשן זיך פֿאַרבענקט
נאָך די וועלטן, וואָס זײַן בלוט געדענקט,
נאָך די דערנער נאָך די שאַרפֿע, וואָס צעשטאָכן זײַנע פֿיס,
נאָכן האָגל אָן אַ שוץ און נאָכן שלאַנגענביס,
נאָכן הונגעריקן טיגער, וועלכער יאָגט אים נאָך אין וואַלד
נאָכן בלײַבן אָן אַ הייל, ווען אין דרויסן איז שוין קאַלט,
ווײַל דעם מענטש איז אָפֿט ניט ליב, ניט דער דאַך איבערן קאָפּ,
ניט דער רעגן, וועלכער פֿאַלט אויף זײַן פֿעלד אַראָפּ,
ניט דער האָניק, ניט די מילך, ווען זיי שטייען אויף זײַן טיש,
ס׳בענקט זיך אים נאָך גרויע נעצן, ער זאָל זײַן אין זיי דער פֿיש
און אים בענקט זיך נאָך דער שרעק, אַז אָט שלינגט דער טויט אים אײַן
און ער וויל ניט זיצן רויִק אין דער וואַרעמקייט און שײַן.

דורך דער חיה, דורכן פֿיש און דורכן פֿויגל
איז דער מענטש געקראָכן און געפֿלויגן,
איז דער מענטש געגאַנגען און געשווּומען,
ביז ער איז צו זיך, צום מענטש געקומען.
נאָך דעם האָט דער מענטש-אין-מענטשן זיך פֿאַרבענקט
נאָך די וועלטן, וואָס דער מענטש געדענקט,
ווען ער איז נאָך ווי אַ שפּאַרבער אויף אַ טויב אַראָפּ,
ווי אַ וואָלף געוואָרפֿן זיך אויף אַ הערנערדיקן קאָפּ
פֿון אַ שאָף צי ווי אַ טיגער זיך געוואָרפֿן אויף אַן אַף
(אדמס עלטער-זיידן פֿאַרן וועלטבאַשאַף),
ווײַל דעם מענטש איז אָפֿט ניט ליב, ניט די שײַן אין שויב,
ניט די אוצרות, וואָס ער קריגט, ניט דורך מאָרד און רויב,
ניט די ליבשאַפֿט פֿון אַ ברודער, ניט די פֿרײַנדשאַפֿט פֿון אַ פֿרײַנד,
ניט די זיכערקייט אויף מאָרגן, וואָס מע דאַרף זי בויען הײַנט,

ניט קיין רוטאָג, ניט קיין מיטאָג, ניט קיין שבת, ניט קיין וואָך
און מע טראָגט דאָס גליק ווי שטיינער און די פֿרײַהײַט ווי אַ יאָך.

דורך דער חיה, דורכן פֿיש און דורכן פֿויגל
איז דער מענטש געקראָכן און געפֿלויגן,
איז דער מענטש געגאַנגען און געשווומען,
ביז ער איז צו זיך, צום מענטש געקומען.

זאַלץ

נעמט צו דאָס פֿליישיקע שמאַלץ,
די קאַרפּן — דאָס פֿעטס פֿון די פֿיש,
נאָר לאָזט מיר איבער די זאַלץ,
דאָס זעלצערל זאַלץ אויפֿן טיש.

איך קאָן זיך אָן פֿלאָדן באַגיין,
אָן שטרודל, אָן קוכן, אָן טאָרט,
נאָר לאָזט מיר דאָס זעלצערל שטיין,
דאָס זעלצערל זאַלץ אויף זײַן אָרט.

איך נעם אָן די גזירות אויף אַלץ
צו עסן נאָר קעזן און גרינס,
נאָר לאָזט מיך באַזאַלצן מיט זאַלץ
אַ רעפּטעלע ברויט אַ דינס.

איך הער צו מײַן דאָקטער זיך צו,
צו אַלץ, וואָס ער זאָגט, בין איך גרייט,
נאָר ווייסט, אַז מײַן טראָפּעלע רו,
דאָס זעמדעלע זאַלץ, איז מײַן פֿרייד.

אַ מאָל און הײַנט

אַ מאָל פֿלעגן שטערן ליגן אויפֿן דאַך,
הײַנט פֿליט מען צו זיי אַ טאָג מיט אַ נאַכט,
אַ וואָך מיט חדשים און יאָרן.

אַ מאָל פֿלעגט מען לאַנגזאַם אויף וועגענער פֿאָרן
און פֿירן אין וועגענער שטערן אין זעק,

הײַנט זענען די שטערן אין רוימען אַוועק.

די אומענדלעכקייט

שטעל איך די אומענדלעכקייט אַוועק אַקעגן שפּיגל,
האָבן מיר שוין, הייסט עס, צוויי אומענדלעכקייטן,
מויער איך דעם שפּיגל רונד אַרום מיט ציגל
ווי אַ פֿעסטן מאָנומענט פֿאַר אַלע צײַטן.

שפּיגלען זיך אין שפּיגל אָפּ שוין איצט נאָר רויטע ציגל
די אַרומגעמויערטע פֿון אַלע זײַטן,
זוך איך די אומענדלעכקייט אין דער מיט פֿון שפּיגל,
איז זי, די אומענדלעכקייט אַוועק אין אַל די ווײַטן.

אין קרײַז

טו איך מיט מײַן האַנט אַ רונדן דריי,
בלײַבט מיר אין דער האַנט דער שווערער קרײַז,
שווער ווי אײַזן, אַז די האַנט טוט וויי,
שווער ווי אײַזן און אויך קאַלט ווי אײַז.

קוק איך אינעם קאַלטן קרײַז אַרײַן —
ווײַסער שניי פֿון אַ ניט-היגער ווײַט,
שווינדלט אין די אויגן מיר די שײַן
פֿון אַן אַנדער גאָר אַן אַנדער צײַט.

איז די צײַט געווען שוין? דאַרף זי זײַן?
ס'האָט די צײַט קיין סימן פֿון קיין צײַט
און אַודאי ניט דער שניי און ניט די שײַן,
וועלכע מאַכן צווישן זיך אַ בײַט.

בײַטן זיך אויף ס'נײַ די שײַן, דער שניי
מיט די ערטער הין-און-הער, אַראָפּ-אַרויף,

טו איך מיט דער האַנט צוריק אַ דריי,
וויקלט זיך דער שווערער קרייַז צונויף.

און פֿאַרגעסן ווערט די ווייַסקייט און די וואָג,
און פֿאַרגעסן ווערט דער ווייטיק און די קעלט,
און פֿאַרגעסן ווערט פֿון יענער צייַט דער טאָג
גלייַך ס'איז ניט געמאָלט גאָר אויף דער וועלט
אַזאַ ווייַסקייט און אַזאַ מין קעלט.

זומער

אין דרויסן איז רויִשיק, איז בלענדיק געוואָרן
ווי פֿייַערפֿערד וואָלטן געפֿלויגן גאַלאָפּ,
די זון איז אַרויף אויפֿן זיבעטן גאָרן
און שייַנט דאָרט פֿון זיבעצן פֿענצטער אַראָפּ.

דאָס פֿאָלק איז אַרויס מיט גערויש פֿון די שטיבער
און איבערגעמישט זיך ווי קאָרטן בייַם טיש,
די פֿאַרביקע קליידער זיי מישן זיך איבער
און ווערן באַלד נאָך אַ מאָל איבערגעמישט.

די קליידונג איז לייַכט און ניט פּילבאַר אין גאַנצן,
ווי נאַקעטע שווימט מען אין פֿאַרביקן ים
און שווימענדיק גלוסט זיך די שווימער צו טאַנצן
אַהער און אַהין און אַהין צו און סתם.

די זון איז דאָרט ווייַט שוין, אויף יענער זייַט שטיבער
און גייט זי דאָרט אונטער שטייַגט הויך דאָ איר שייַן,
די טענצער זיי טאַנצן די שטיבער אַריבער
און גלייַך מיט די אויגן אין הימל אַרייַן.

דער הימל אין וואָלקנס, די וואָלקנס אין פֿלאַמען,
די פֿלאַמען אין פֿאַרבן, אין רויט און אין ראָז,
עס האָבן די שעהען פֿון טאָג זיך פֿאַרזאַמלט
און אַלע אויף אַ מאָל זייערע פֿעבערס צעלאָזט.

ירושלים של מטה

אַזש ביז די וואָלקנס פֿליט אַרויף די שטאָט
און דורך די וואָלקנס העכער, ביז צום גאָט.
די שטאָט בײַ נאַכט. זי לאָזט די שאָטנס בלויז
פֿון שאָטנס בויט זי אויף זיך ביזן לעצטן הויז.

און מאָדנע, וואָס די שאָטנס האָבן מערער האַפֿט,
ווײַל אויף דער ערד געבליבן און אויף דער ערד זי שאַפֿט
זיך איבער אויף דאָס נײַ די גאַנצע שטאָט,
די זעלבע שטאָט וואָס אויבן דאָרט בײַ גאָט.

די זעלבע שטאָט, די זעלבע גאַסן ביזן לעצטן הויז,
די זעלבע שטאָט, אַ שטאָט פֿון שאָטנס בלויז
געבליבענע צו וואַכן אויף דער פֿאַרלאָזטער ערד
און מיטן ערשטן פֿאַרבנשפּראָץ אויף ס'נײַ געבוירן ווערט.

דאָס פֿעלד בײַ אים

דאָס פֿעלד בײַ אים איז קאָרנפֿעלד,
קאַרטאָפֿל-פֿעלד צי פֿעלד פֿון גערשטן
און ניט סתּם פֿעלד ווי ניט סתּם וועלט,
נאָר וועלכע וועלט צום אַלעם ערשטן.

און ניט בלויז מעשׂה, ניט בלויז בילד
און ניט קיין שטאָף בלויז פֿאַר געשיכטע,
דאָס לעבן גופֿא, ווילד צי מילד
דער עיקר איז, איז דאָס געדיכטע.

ס'איז דאָס געדיכטע גראָד ניט דאָס
וואָס אויפֿן דנאָ בײַ דיר, בײַ אַלע
און ניט דאָס זאַמד וואָס אויפֿן גראָז,
דער עיקר איז די גרויסע כוואַליע.

די כוואַליע וועלכע שטראָמט אַוועק
און לאָזט קיין זכר ניט אַפֿילו,

ווי ס׳לאָזט קיין זכר ניט אין וועג
און ניט אין פֿעלד אַ טויב אַ שטילע.

ניטאָ קיין אייביק בילד, באַגרייַפֿט,
וואָס קיין מאָל ווערט עס ניט פֿאַרביטן,
דאָס קאָרנפֿעלד סע בליט און רייַפֿט
און מאָרגן ווערט עס אָפּגעשניטן.

דער האָניק איז זיס, דער האָניק איז ביטער

דער האָניק איז אייביק זיס און ביטער,
דער האָניק איז אייביק אי ביטער אי זיס
און אויך דער אַקראָבאַט דער געניטער
שטעלט אויפֿן קאָפּ זיך, שטעלט אויף די פֿיס.

אָט שטייט ער בייַם שפּיגל און שלעפּט פֿונעם פּנים
די מאַסקע אַראָפּ, די פֿאַרביקע זאַלב,
ער וואָלט אַראָפּגעשלעפּט, ער זאָל קאָנען
די הויט אַפֿילו, די אייבערשטע האַלב.

געווען איז אַ צייַט פֿון אַלץ פֿאַרדעקן,
פֿון אַלץ פֿאַרמעקן, פֿון אַנדערש אַלץ
און איצט איז אַ צייַט פֿון מוטיקע שרעקן,
פֿון גראָבן צום תּוך זיך, צום סאַמע זאַלץ.

געווען איז אַ צייַט, געווען שוין צייַטן,
סע וועט אויך פֿאַרשווינדן די איצטיקע צייַט,
סע וועט דאָס פּנים מיט דער מאַסקע זיך בייַטן
און נאָך דעם צוריק בייַ אַ נייעם בייַט.

דער ברעג

אַ שורה ביימער
און אַלע ביימער שטייען גלייַך
און וואַקסן גלייַך
און רוישן גלייַך

און שפּיגלען גלײַך זיך אָפּ אין טײַך,
וואָס ציט אַ גלײַכער זיך אַוועק
לענג-אויס דעם גלײַכן ברעג.
דער טײַך ניט ברייטער פֿונעם וועג
און זיבן טריט פֿון וועג צום ברעג,
וואָס ציט זיך צווישן טײַך און וועג.

איך קוק פֿון ווײַטנס

איך קוק פֿון ווײַטנס אויף אַן איינציק הויז אין פֿעלד
און זע, ווי אַלע שויבן אין די פֿענצטער ברענען
און זע, ווי קאַלט עס שטייען דאָרט די טונקעלע ווענט,
וואָס טוען אָט די שויבנפֿלאַמען אַרומנעמען.

און כ׳ווייס, אַז קאַלט איז אויך דער ריזנרוים,
ווו זונען שווימען אום ווי ווײַטע שטערן,
די שטראַלן שיטן זיך ווי בלעטער פֿון אַ בוים,
נאָר ערגעץ מוז דאָך פֿאָרט די שײַן זייערע אויפֿהערן.

און דאָרטן הייבט זיך אָן די גרויסע קעלט,
די גרויסע פֿינצטערניש פֿון אַלע זײַטן,
וואָס נעמט אַרום דאָס ביסל שײַן, די וועלט,
וואָס שפּינט אין מיט פֿון אייביקייט די צײַטן.

שבת

די זון — מיט מזל און מיט גליק
הייבט אויף פֿאַר טאָג דעם רויטן קאָפּ,
די וואָלקנס שלעפּן זי מיט שטריק
און לאָזן זי ניט אָפּ
און כאָטש זי רײַסט זיך אויף צוריק,
איז פֿאַלט זי ניט אַראָפּ.

און ערשט נאָך מיטיק ווערן לויז
די שטריק און לאָזן נאָך

און ס'לאָזן זיך די כוחות אויס
אויך בײַ דער זון און דאָך
זי לאָזט ניט פֿון די הענט אַרויס
די שטריק פֿאַר נאַכט אַ גאַנצע וואָך.

און נאָר אום שבת גייט זי אויף
און שטײַגט אויף ווי אויף טרעפּ
און ניט קיין שטריק זי ציט אַרויף
און ניט קיין שטריק זי שלעפּט,
אַ שבתדיקע גייט זי אויף
אויף בלאָע שבתדיקע טרעפּ.

שטרעק אויס דײַן האַנט

שטרעק אויס דײַן האַנט
אַרויף צום גאָלדענעם לאַנד פֿון שטערן
און קוק דערנאָך אַראָפּ אין לאַנד,
וואָס וועט אַדורכגעוועלדערט ווערן.

דו זעסט דעם בוים ?
וואָס לאָזט דער איינער בוים אונדז הערן ?
דער בוים, ער טרוימט
און וויל זיך מערן, מערן.

דאָס פֿעלד בײַ נאַכט
צעגיסט זיך איבער אַלע וועגן.
ווען ביימער שטייען אויף דער וואַר,
אַנטלויפֿט ער ניט דער רעגן.

דאָס גאָלד פֿון סטויג
וואָלט זיך פֿאַר ביימערגרינס פֿאַרנייגן.
אַ וווּנדער וואָלט פֿון אויג צו אויג
אַרײַן אין אַלע אויגן.

און אָנגעזעטיקט גאָר דאָס לאַנד
פֿון איין עק ביזן צווייטן,
שטרעק אויס דײַן האַנט
און שיץ דעם שטח דעם פֿאַרזייטן.

סײַ ווי סײַ

סײַ ווי סײַ וועל איך קיין מאָל ניט דערגיין
צום פֿאַרטונקלטן, פֿאַרבאָרגענעם מיין
פֿון דער אומענדלעכקייט.
נאָר גיין דאַרף מען סײַ ווי גיין
און סע שטעלט מיך ניט אָפּ קיין נייַן,
קיין אומפֿאַרשטענדלעכקייט.

דאָן קיכאָט

זעץ זיך פֿעסטער אויף דײַן קליאַטשע, דאָן קיכאָט,
און מיט דער אַלטער און זשאַווערדיקער שווערד
טו אַ פֿאָך אַרויף און רײַס דעם הימל אויף,
אַז ער אַליין זאָל פֿאַלן צו דער ערד.

און אויף אַ גלײַכן פּלאַץ מיט גלײַכע רעכט
רוף אַרויס אים אויף אַ ריטערקאַמף
און ווער סע וועט אַרויס דער זיגער פֿון געפֿעכט,
זאָל אויפֿהייבן צום הימל זיך ווי דאַמף.

אַ קורצע שלאַכט. די שווערד איז פֿול מיט בלוט,
נאָר ס'איז די טיף אויך ווײַטער בלאָ געפֿאַרבט,
ער האַקט אין זיך און ווייסט ניט, וואָס ער טוט
און לאָזט אין פֿעלד זיך ליגן ביז ער שטאַרבט.

1934

* *
*

אָט האָסטו דעם שליסל
און אָט איז דער שלאָס אויפֿן טויער
דאָרט ווײַטער אַ ביסל.

אָט האָסטו די פּלענער
פֿון אַלע צימערן אונטער דער מויער,
ווו איינס פֿונעם צווייטן איז שענער.

אַט האָסטו דעם סימן
צו זאָגן די וועכטער, וואָס דרימלען
דאָרט אונטער דער ערד ווי אונטער די הימלען.

דעם שליסל גענומען,
די פּלענער, דעם סוד און דעם סימן
און צוריק ניט געקומען.

מדבר

בלויז מדבר און הימל ביז צום אין-סוף,
ס'איז קיין מאָל געווען דאָ קיין גראָז ניט, קיין שאָף
קיין פּאַסטעך, קיין ליד ניט, קיין פֿויגל, קיין בוים,
בלויז דאַכטעניש, וויזיע, מדברשער טרוים
און איצט האָט דער מדבר פֿון טרוימען דערוואַכט
מיט זאַמדן צום טאָג, מיט זאַמד צו דער נאַכט.

שטויבט ניט אָפּ

שטויבט ניט אָפּ די שיך און די געווענדער,
ברענגט די שטויבן פֿון די גלות-לענדער
ביז אַהער און שיט זיי דאָ צוזאַמען.
נישט קיין שטויב. ס'איז אַש פֿון דורות פֿלאַמען,
מיטן אַש דעקט צו די היגע שטיינער,
ווי די שטיינער דעקן צו די ביינער,
דורות ביינער. יעדער דור אַ גאָרן,
יעדער גאָרן — אַ מוזיי פֿון צער און צאָרן
ביז אַרויף צום שטיין, וואָס ווערט באַטראָטן,
ביז אַרויף צום שטיין, וואָס ווערט פֿאַרשאָטן
מיטן שטויב פֿון שיך און פֿון געווענדער,
וואָס מיר ברענגען פֿון די גלות-לענדער.

ירושלים, 2טער פֿעברואַר 1978.

ירושלימער שניי

איין מאָל אין יאָר אַ שנייִיקע שעה
און סע ווערן פֿון קעלט די שויבן בלאָ
און רויט איז דער אָפּשײַן פֿון אויוון אויף זיי
און ווײַס איז דער שניי, ווײַס איז דער שניי
איין איינציקע שעה — אַ שנייִיקע שעה.

אַ האַלב פֿון מײַן לעבן ביז הײַנט איז פֿאַרשנייט,
געקומען אין לאַנד אַרײַן וואַרעם געקליידט
פֿון ווינטער גלײַך אין זומער אַרײַן
און הײַנט זיך געפֿרייט מיט דער רויטער שײַן
אויף בלאָע שויבן קאַלט און פֿאַרשנייט.

דאָס וויפֿלטע יאָר, די וויפֿלטע שעה
ווערן פֿון קעלט די שויבן בלאָ ?
דאָס וויפֿלטע יאָר ? דער וויפֿלטער שניי ?
איך האָב שוין געווינטערט ווינטערן צוויי,
איך האָב דאָ געווינטערט יידע שעה.

איצט וואַרט איך אויף דער דריטער שעה
לשנה הבאה, לשנה הבאה.

אונדזער פֿעלד, גאַס, שטאָט

אונדזער פֿעלד איז נעכטן ניט געווען קיין פֿעלד,
אונדזער פֿעלד איז נעכטן נאָך געוועזן וויסט,
ביז וואַנען ס׳איז געקומען אַ יונגער אידעאַליסט
און האָט זיך מיט זײַן כּלה באַזעצט אין אַ געצעלט
און ס׳האָט זיך אויסגעצויגן אַ פֿעלד צו זייערע פֿיס.

אונדזער גאַס איז נעכטן ניט געווען קיין גאַס,
אונדזער גאַס איז נעכטן נאָך געוועזן פֿעלד
און ס׳איז געוועזן היץ און ס׳איז געוועזן קעלט
און ס׳איז געוועזן רעגן און ס׳איז געוועזן נאַס,
ביז וואַנען ס׳איז די גאַס געוואָרן אויפֿגעשטעלט.

אונדזער שטאָט איז נעכטן ניט געווען גרויס,
אונדזער שטאָט איז נעכטן קוים אַ גאַס געווען
פֿון צוויי און צוואַנציק הײַזלעך ווי דאָרט אין דאָמבראָווען
און הײַנט אַנטלויפֿט די יוגנט פֿון דער שטאָט אַרויס
און זוכט אַ נײַעם מדבר צו ווײַזן וואָס זי קען.

די וואָלקנס צייכענען

די וואָלקנס צייכענען אַ מאַפּע אויפֿן הימל —
אַמעריקע, אויסטראַליע און איטאַליע ווי אַ שטיוול
און אַלע הענגען זיי איבער מײַן שטיבל.

די וואָלקנס צייכענען אַ מאַפּע אַ געפֿאַרבטע
פֿון בערג און טאָלן און פֿון וועלדער, ימען
און אַלע שווימען זיי אויף שבת זיך צוזאַמען.

עס הייבט זיך אָן אַ דונערן און בליצן,
די וועלדער ברענען און די ימען שוויצן
און אותיות אויף לוחות פֿײַערדיק זיך קריצן.

ווי גוט אין אַזאַ טאָג איז בײַ דער שויב צו זיצן
אין קליינעם וואַרעמען און שבתדיקן שטיבל.

די וואָלקנס צייכענען אַ מאַפּע אויפֿן הימל.

דער מדבר רופֿט ניט

דער מדבר רופֿט ניט ווי סע רופֿט דער סטעפּ,
דער מדבר ציט דיך און זײַן ווײַטקייט שלעפּט
ער שלעפּט דיך אין זײַן טיפֿעניש אַראָפּ,
ער שלעפּט דיך בײַ די האָר, ער שלעפּט בײַם קאָפּ,
ער שלעפּט אַ גאַנצע מחנה בײַ די קעפּ,
דער מדבר רופֿט ניט, ווי סע רופֿט דער סטעפּ,
וואָס האָט קיין כּוח ניט דיך ברענגען אויף אַן אָרט.
דער סטעפּ איז שטום, אין מדבר הערשט דאָס וואָרט.

דאָס הינטערלאַנד

דער פֿראָנט, דאָס איז די שלאָגנדיקע האַנט,
דער קערפּער איז דאָס שלאַנקע הינטערלאַנד.

די שטיינער נעמט אַוועק, באַפֿרײַט דעם וועג
פֿאַר אונדזער פֿײַער, קעגן טויט און קעגן שרעק.

פֿון אונדזערע אַקסל וואַקסן אונדזערע הענט
פֿון אונדזערע הענט וואַקסן אונדזערע ווענט.

פֿון האַרצן שטראָמט דאָס בלוט מיט הייסער קראַפֿט,
עס וואַכט דער קאָפּ און שיקט די האַנט, וואָס שאַפֿט.

און אויב אַ שפּאַרבער שטרעקט די נעגל אויס
און גראַבלט אין די ווענט פֿון אונדזער הויז.

און גראַבלט אין דער הויט פֿון אונדזער ווערק,
מיר הייבן מיט די הענט די שווערסטע בערג

און לאָזן זיי מיט גאַנצער קראַפֿט אַראָפּ
אויף שפּאַרבערס לײַב-און-לעבן
אויף זײַן שאַרבן,
אויף זײַן קאָפּ.

די מי, דאָס איז די שאַפֿנדיקע האַנט,
מיר שטייען בײַ אַ פֿענצטערדיקער וואַנט

מיר קוקן אין דער גרויסער וועלט אַרײַן,
פֿון אונדזערע פֿענצטער שלאָגט אַהין אַ שײַן.

און אַלץ וואָס געווען

און אַלץ, וואָס געווען און אַלץ, וואָס געשען,
איז געווען, איז געשען, איז פֿאַרפֿאַלן.
איך זיץ בײַ מײַן טיש בײַ טינט און פען,
בײַם פֿענצטער בײַם פֿולן מיט שטראַלן.

און אַלץ, וואָס געווען, איז איצט ניט צו זען,
דער הימל אין שויב איז אַ בלויער,
עס שפּילן אין הויף זיך אַ קינדערלעך צען
אָט דאָ ניט ווײַט פֿונעם טרויער.

אויף יענער זײַט דראָט אָט דאָ ניט ווײַט
קורצע טריט אַ פּאָר הונדערט
אויף עטלעכע יאָרן ווײַט פֿון דער צײַט,
ווען בײַ אונדז האָט אַזוי געדונערט.

קיין סימן פֿון חורבֿות אויף היגער גאַס
און אַלע פֿעלדער פֿאַרוואַקסן
און איך בין גרייט צו נעמען אַ פֿאַס,
אים טראָגן אויף מײַנע אַקסל.

און איך בין גרייט דעם פֿולן פֿאַס
און איך בין שטענדיק אַ גרייטער
אַוועקצושטעלן אים אין גאַס,
אין מיטן דער גאַס דער ברייטער.

נאָר מעג מען דען שטעלן דעם פֿאַס אַצינד,
ווײַל אונדזער גאַס איז אַ גאַנצע
און ס׳שלאָפֿט אין אַ וויגל איעדער קינד
און יונגע פּאָרלעך טאַנצן.

אַז ערגעץ ווײַטער אויף אונדזער ערד,
אויף טריט בלויז עטלעכע ווײַטער,
איז יעדער דאָרף אַ פֿאַרברענטער סקעלעט
און יעדע שטאָט איז אַ שײַטער.

און וואָס ס׳איז געשען איז שוין געשען,
דאָך טאָר מען ניט זאָגן: פֿאַרפֿאַלן,
כאָטש זיצן זיך איך בײַ טינט און פען,
בײַם פֿענצטער דעם פֿולן מיט שטראַלן.

די מידקייט

די מידקייט לאָזט זיך אַראָפּ אויף דער ערד
און פֿילט אָן מיט בלײַ די פֿיס פֿון די פֿערד.

די פֿערדלעך זינט שעהען צום וואָגן געשפּאַנט,
נאָר שווער איז צו נעמען די בײַטש אין דער האַנט.

די פֿערדלעך פֿאַרגראָבן אין וועג, אינעם שטויב,
נאָר שווער איז דער האַנט די בײַטש טון אַ הייב.

און לאָזט זיך שוין יאָ די בײַטש דאָרט אַראָפּ,
דערגייט זי ניט סײַ ווי צום פֿערדישן קאָפּ.

אָט דרעמל איך אײַן, די פֿערד שלאָפֿן אויך,
די הימלבלויקייט טשאַדעט ווי רויך.

אַ געוועט

כ׳בין אויפֿגעשטאַנען הײַנט פֿאַר טאָג
און אויפֿגעשטאַנען איז נאָך מיר דער טאָג
אַ פֿרישער און אַן אויסגערוטער,
און אויפֿגעשטאַנען זענען מיט אַ מאָל
די הײַזער פֿונעם שעפֿערישן טאָל,
און אויפֿגעשטאַנען איז פֿון וויג דאָס קינד,
און אויפֿגעשטאַנען איז אין וועג דער ווינט
אַ וואַרעמער אַ גוטער,
און אָנגעהויבן האָט זיך דער פֿאַרמעסט
פֿון הײַזערבוי מיט בוי פֿון פֿויגלנעסט
און אָנגעהויבן האָט זיך דאָס געוועט
פֿון פֿויגל דאַרפֿישן מיט שטאָטישן פּאָעט
און פֿון געוועט געוואָרן איז אַ כאָר
פֿון פֿייגל און פּאָעטן פֿונעם יונגסטן דור.

אַ לויב

אַ לויב, אַ לויב מײַן קלײנעם שײנעם לאַנד,
אַ לאַנד וואָס האָט קײן מיטן ניט, אַ לאַנד פֿון סאַמע ראַנד,
פֿון גאָלע גרענעצן, דער שומר — שטענדיק אויף די פֿיס
אין שווערע שיך, אין ווײַסן מדבר-מיסט,
די ביקס אין האַנט, אַ ספֿר אויפֿן טיש
און שאָלעכץ פֿון אַ פּאָמעראַנץ און אַ געמיש
פֿון ווינט און זאַמד, פֿון זאַמד און ווינט
און צו די קני פֿון שומר טוליעט זיך אַ קינד
און זאָגט אים נאָך די ווערטער: בורא פּרי העץ.
די פּרי, וואָס ער האַלט, איז ניט פֿונעם סועץ,
זײַן זײדע האָט געבראַכט אין לאַנד אַרײַן אַ טרוים,
דאָס ייִנגל מאַכט אַ ברכה אויף די פּירות פֿון אַ בוים,
אַ לעבעדיקן טרוים, וואָס זײַן זײדע האָט געפֿלאַנצט,
בשעת ער האָט אין קורצע הײזלעך אין ווײַסן זאַמד געטאַנצט.
אַ לויב, אַ לויב מײַן קלײנעם שײנעם לאַנד,
אַ לאַנד וואָס האָט קײן מיטן ניט, אַ לאַנד פֿון סאַמע ראַנד.

אַנפֿאַס
און
פּראָפֿיל

אַרײַנפֿיר

טאָג און וואָך און יאָר — צי איז עס ניט קיין חידוש ?
זילבן איינציקע פֿאַרנעמען זיי אין ייִדיש
און סעקונדע, אויגנבליק, למשל,
זילבן דרײַ פֿאַרנעמען אין מײַן לשון.

קעגן וואָס איז דאָס געקומען דאָ צו רייד ?
קעגן דעם וואָס וואָרט איז ניט קיין קלייד,
וואָס מע שנײַדט עס צו לויט דער לענג פֿון לײַב
פֿונעם מענטש דעם העלד, די געשטאַלט וואָס מע באַשרײַבט.
טרעפֿט זיך דאָך אַ קלאַנג, וואָס טוט אַ שאָס
און ער טרעפֿט אין פֿינטל, ווערט אַ מאָס.

רייזיניש

״איך וויל זיך מיט מײַן מוזע גטן״
האָט רייזין זיך אַ מאָל געבעטן,
נאָר זי האָט באַלד זײַן מיין געטראָפֿן
און אים געגעבן נײַע סטראָפֿן.

אַ נײַעם נדן צו דעם אַלטן,
זי האָט דערוואַרעמט אים, איר אַלטן
און ער געמאָנט האָט נאָך און ווידער
שורות, סטראָפֿן, גאַנצע לידער.

יוסף פּאַפּיערניקאָוו:

מײַן ליד איז מיר אַ קישעלע צוקאַפּנס,
מײַן ליד איז מיר די דעק, וואָס דעקט מיך צו,
פֿון קאַרגן גראָשן-ליכטל פּאַלן טראָפּנס
אויף מײַנע הענט און פֿיס מיט שײַן און רו.

אין מדבר בלאָזט אַ ווינט אַ דרום-הייסער
און קלאַפּט אין העמדלײַוונט פֿון מײַן געצעלט,
נאָר אינעווייניק זיץ איך ווי אַ קייסער
און זינג מײַן ליד צו אַלע עקן וועלט.

זאָל זײַן מײַן ראָק איז אַלט און אויסגעריבן
אָן אַרבל און אָן קנעפּלעך און צעקריכט,
מײַן ליד איז גאַנץ מיט גאַנצע אותיות געשריבן,
מײַן ליד, מײַן העמד, מײַן ליכט, וואָס וואַרעמט מיך.

אריה שמרי:

ויהי און עס איז געווען אין יענע טעג,
ווען מע האָט אַלצדינג געמעגט,
האָב איך אַליין זיך אַלצדינג פֿאַרבאָטן,
בין אַוועק
און מיטגענומען מײַן שאָטן.

און זע:
מ'האָט אדמען פֿון גן-עדן ניט פֿאַרטריבן,
ער האָט אויסגעהאַקט די ביימער
און אין אַ מדבר פֿאַרבליבן.

האָב איך דעם אַקערשטיין דערפֿונדן,
צו דער ערד זיך צוגעבונדן
מיט אַ פֿעסטן-פֿעסטן פֿאָדעם.

געאַקערט, געזייט, געפֿלאַנצט,
חלוצישע האָראָס געטאַנצט
אין צעבליטן גן-אָדם.

האָט גאָט מײַן גאָרטן געבענטשט,
גן-אָדם — גאָרטן פֿון מענטש
און געפּלאַנצט אַ גן-עדן אויבן.

און אַז די שעה איז געקומען
האָט ער מיך אַרויפֿגענומען,
איך זאָל אים אויף ייִדיש לויבן.

אברהם סוצקעווער:

פֿײַערקאַלטע שטיינער פֿון גראַניט
אויסגעבעט מיט סאַמעטהאַרטע זאַמדן.
כ׳האָב מײַן זאַק מיר אָנגעפּילט מיט ליד
און איך טראָג אים ווי אַ טרעגער-למדן.

כ׳לאָז אַראָפּ אים אויף מײַן לידערטיש
אויף פּאַפּירן ווי אויף כוואַליעס פּאַרמעט
און איך זעץ זיך אין דער ליכטעניש
צו מײַן זינדיק-פֿרומער, שרײַאיק-שטומער
וואָכער חלום-אַרבעט.

מײַנע חלום-שלעסער האָבן זיך צעשיט,
ווען דעם חלום האָט דער שלאָף באַוועלטיקט.
ס׳ווערט אין שלאָף דאָך חרובֿ, וואָס ס׳איז ניט,
בוי איך אַנדערע מיר מידברדיק, געצעלטיק.

כ׳שלײַף די זאַמדן פֿונעם זאַק און שלײַף,
יעדער טראָפּן זעמדעלע באַזונדער,
ווי רובינען פֿון אַ מילגרוים, וואָס איז רײַף
קלעפּן זיי צונויף זיך אין אַ וועלטיש וווּנדער.

איצטער טראָג איך מײַן פּאַרמעג צוריק
אינעם וואַלד פֿון שטיינערנע גראַניטן,
ליידיק אויס דעם זאַק און האַק מיר אָפּ אַ שטיק,
פֿונעם מינדסטן זעמדל כ׳האָב אַ שטיין מיר אויסגעשניטן.

און פֿון טויזנט שטיינער האָב איך דאָרט
אויפֿגעבויט, צונויפֿגעקלעפּט אַ זעמדל

און פֿון אותות-מופֿתים אויפֿגעבויט אַ וואָרט
צווישן ווערטער טויזנטער — יעדער וואָרט אַ רענדל.

הדסה רובין:

רײַסט אַראָפּ די בלעטער פֿון מײַן ליד,
וועט איר זען עס ווי סע בליט.
רײַסט ניט, לאָזט די בלעטער איבער,
זאָלן ווײַטער בליִען מײַנע לידער.

וואָס איז נײַעס? וואָס איז ווידער?
רײַסט אַראָפּ די בלעטער פֿון מײַן ליד,
אויב איר גלייבט מיר ניט.

דוד ספֿאַרד:

פֿאַראַן דרײַ מינים דיכטער אויף דער וועלט.
ליריקער, וואָס שרײַבן ליריק,
עפּיקער וואָס שרײַבן עפּיק
און אַנדערע וואָס שרײַבן אַנדערש.
זיי אַלע טיילן אײַן זיך ווידער
אין קלאַסישע,
ראָמאַנטישע,
מאָדערנע.
די ערשטע שרײַבן אַלטע לידער,
די צווייטע שרײַבן נײַע לידער,
די דריטע שרײַבן לעצטע לידער,
די דריטע שרײַבן לעצטע לידער,
מיר הייבן אָן פֿון אָנהייב ווידער:
פֿאַראַן דרײַ מינים דיכטער אויף דער וועלט.
פֿאַראַנען דיכטער, וועלכע שרײַבן גוטע לידער,
פֿאַראַנען דיכטער, וועלכע שרײַבן שיינע לידער,
פֿאַראַנען דיכטער, וועלכע שרײַבן פֿרישע לידער,
פֿאַראַנען דיכטער אַלערליי

און איך בין איינער דאָך פֿון זיי
אַ דיכטער, אַ פּאָעט
און דאָס איז מײַן פּאָרטרעט.

הירש אָשעראָוויטש:

אויף אַ וואָג פֿון מיליגראַמען
וועג איך פּינקטלעך ריטם און גראַמען,
וועג איך, מעסט איך די געדאַנקען,
וואָס איך האָב זיי צו פֿאַרדאַנקען
מײַנע לידער און פּאָעמעס.
ניט קיין רמז, נאָר דעם אמת
פֿול און ניט געפֿעלשט, ניט אַנדערש.
איך באַמי זיך צו פֿאַרוואַנדלען
אויך די בילדער אין באַגריפֿן,
כ'האָב ניט ליב מיט וואָרט צו שטיפֿן
און זיך שפּילן מיט געפֿילן
ווי קאָלעגן מײַנע שפּילן.

יצחק יאַנאַסאָוויטש:

צי קוק איך אַרויס פֿון הויז אין דרויסן,
צי קוק איך אַרײַן פֿון דרויסן אין הויז,
די זעלבע שויב וואָס איז גאָרניט אויסן,
צי קוק איך אַרײַן, צי קוק איך אַרויס.

אויף דער זײַט וווּנדער, אויף יענער זײַט וווּנדער,
דאָס וווּנדער איז שטענדיק אין דער מיט
אַזוי ווי די שויב, ווי שויבן הונדערט,
וואָס קוקן אַרײַן און אַרויס פֿון מײַן ליד.

נאָר פּרוּוו ריר אָן איין זײַט, וועט צעשיטן
זיך באַלד דער בנין, וואָס איך בוי
און אָן די זײַטן ניטאָ אויך קיין מיטן,
טאָ זאָל עס שוין בלײַבן, איך בעט דיך, אַזוי.

יאַנקל יאַקיר:

זוכט ניט קיין אונגענער אין אונגען,
זוכט ניט אין פּערליץ מער קיין פּערליצער,
אַלע העלדן זיצן אויף מײַן פּען,
סײַ פּײַוול פּלאַם, סײַ בערל ברען,
סײַ הערשל היץ, סײַ שלמה שוויצער.

זוכט ניט קיין אונגענער אין אונגען,
ניט אין גאַס און ניט אין מינדסטן ליקל,
אַלע העלדן זיצן אויף מײַן פּען,
סײַ פּײַוול פּלאַם, סײַ בערל ברען
און וואַרטן אויף אַ תּיקון.

גאָט האָט מיך געבענטשט אָדער געשטראָפֿט
מיט אַ שטאַרקן אײַזערנעם זכּרון,
אַ מאָל איז ער געווען פֿאַר מיר אַ שטראָף,
אַ מאָל האָט ער מיר שיִער געבראַכט דעם סוף,
אַ מאָל איז ער געוועזן מײַן חסרון.

און הײַנט, אַז איך געדענק שוין ניט גענוי,
צי איז, ווי איך באַשרײַב, אַזוי געוועזן,
צי ווייניקער צי מערער מיט אַ שטרוי
אין באַסאַראַבער דאָרף, צי ווייניקער אַ גוי,
צי מערער מיט אַ גרעזל.

איז קוקט מען מיט שפּאַקטיוון אויף מײַן פּען,
בשעת איך שרײַב זכרונות וועגן שרײַבער,
קאָן זײַן, אַז איך פֿאַרפּלאָנטער וואָס און ווען,
געדאַרפֿט אפֿשר זיך האַלטן בײַ אונגען,
בײַם מענה-לשון פֿון פּערליצער ווײַבער.

זוכט ניט קיין אונגענער אין אונגען,
אַלע העלדן זיצן אויף מײַן פּען.

מיט לעיעלעסעס "לידער און פּאָעמען"

אַ פֿרײַנט אַ שרײַבער האָט מיך הײַנט געפּאַקט
בײַ לעיעלעסעס "לידער און פּאָעמען" —
און דו האָסט, זאָגט ער מיר, אַזוינס געוואַגט
דאָס טריפֿה ביכל אין דער האַנט צו נעמען?

ווי אַלע דאָ האָט ער געטראַכט זיך: אויב
מע וועט מיך כאַפּן, און זיך גלײַך באַוואָרנט,
אויב פֿרעגן וועט מען, ווער עס האָט געלויבט,
זאָל איך דאָרט זאָגן, אַז ער האָט געצאָרנט.

די דיכטער דאָרטן, זאָגט ער, גיסן גיפֿט
(מײַן פֿרײַנט דער שרײַבער ציט אַרויף די ברעמען)
דו האָסט זיך, זאָגט ער, צו פֿיל שוין פֿאַרטיפֿט
אין לעיעלעסעס "לידער און פּאָעמען".

איך רײַס ניט אָפּ די אויגן פֿונעם בוך
און וויל אויך ניט מײַן גוטן פֿרײַנט דערצערנען,
כאָטש ניט קיין גיפֿט געפֿין איך, ניט איך זוך
און כ׳קלײַב זיך ניט קיין נייע תורות לערנען.

נאָר איך באַוואָרן אויך זיך ווי מײַן פֿרײַנט
און רעד ווי אַלע רעדן, ווי מע דאַרף דאָ,
ווײַל טאָמער רופֿט מען פֿריִער אים, נאָך הײַנט,
זאָל ער דאָרט זאָגן, אַז טענות האָב איך שאַרפֿע.

זאָל ער דאָרט זאָגן, אַז איך האָב דאָס בוך
געפֿונען צופֿעליק צווישן פּאַק-פּאַפּירן,
געפֿונען עס, כאָטש כ׳האָב עס ניט געזוכט
און ניט געלאָזט זיך פֿונעם בוך פֿאַרפֿירן.

זאָל ער דאָרט זאָגן, אַז איך האָב געזאָגט:
דעם קעגנער דאַרף מען אויספֿאָרשן, דערקענען,
זאָל ער דאָרט זאָגן, אַז איך האָב געזאָגט:
איך וויל זיך קעגן קעגנער בײַ דעם קעגנער לערנען.

איך נעם אַ וואָרט אַ נײַס פֿון זײַנס אַ ליד,
אַ דריידלוואָרט אַזאַ, וואָס לאָזט זיך דרייען

און שטעל עס קעגן אים, צי טאָר מען ניט,
צי טאָר מען זיך ניט ניצן מיט טראָפּייען ?

נאָר דאָ האָט זיך מײַן פֿרײַנט פֿאַר מיר אַנטפּלעקט
און גאַליק-לאַכנדיק די צונג זיך אויפֿגעבונדן :
צי ווייסטו ניט, מיר האָבן אַלץ אַנטדעקט,
אַז מיר, נאָר מיר, האָבן אַלץ דערפֿונדן ?

טשערנאָוויץ 1962

יעקב גלאַטשטיין

דער ציינדאָקטער האָט אים פֿאַרבאָטן
צו קריצן מיט די ציין,
דער פּסיכיאַטער באַזײַטיקט זײַן שאָטן
און לאָזט אים איבער אַליין,
ער טאַפּט אַרום די געבאָטן
פֿון משה רבינו׳ס שטיין,
אין פֿאַרמעטן זוכט ער די נאָטן
פֿאַר אונדזער ביטער געוויין
און אַלץ, וואָס סע איז אים געראָטן
בײַם קנעטן לידער פֿון ליים,
האָט ער מיט ווערטער פֿאַרשאָטן
און צוגעדעקט מיט אַ שטיין,
נאָר אונטערן שטיין האָט געזאָטן
פֿאַרשאָטענער ייִדישער חן,
אַ ניגון — אויסגעקנאָטן
פֿון ייִדישן פֿלייש און ביין.
ער איז ניט אַרויסגעטראָטן
פֿון ייִדישער אָרעמער היים,
וואָס איז אין אַ פֿרעמדן שאָטן
געשטאַנען ווי אין האַלדז אַ ביין
דאָרט צווישן גוישע גאָטן
אַליין, אַליין, אַליין —
ר׳ יעקב גלאַטשטיין.

חיים גראַדע

דער קאַלעכאויוון פֿון זײַן געמיט
פֿאַרשלינגט דאָס אײַזן פֿון זײַן ליד,
פֿונעם אײַזערנעם לידערשמיד.

דאָס גאַנצע וואַסער פֿון צפֿון־ים
איז ווייניק אויף אָפּצולעשן דעם פֿלאַם
פֿון שורה צו שורה, פֿון גראַם צו גראַם.

ער ברענט ווי אַ שײַטער אין אַ וואַלד,
שוין יאָרן, יאָרצענדליקער שרײַט ער : געוואַלד!
ראַטעוועט! איך פֿאַרלעש זיך באַלד.

און פֿײַערלעשער מיט געבונדענע הענט
פֿאַרגינען אים ניט, למאי ער ברענט
און סע ברענען מיט אים די הימלווענט.

ישראל עמיאָט :

אויפֿגעוועקט פֿון שאָפּענס נאָקטורן
ערשט איך זיץ שוין אין ישיבה ווידער.
וואָס וועט זײַן מיט יענער סקריפּעניש פֿון פֿורן,
וועלכע רעדלען זיך אַרום אין מײַנע לידער?

זאָל מיר מוחל זײַן דער ליבער חבֿר סמאָליאַר,
די חבֿרים ספֿאַרד און מאַרק און העלער,
כ׳מאַך אַ סוף ערשט צו מײַן צווייטן עבֿר,
כ׳וואַרף אַרויס אים און צעברעך דעם טעלער.

כ׳האַלט שוין ווידער אונטער דער גמרא
לייוויקס לידער, מענדעלע און פּרץ
און אין אָט די וועלטן בין איך מיר אַ שׂררה,
און אין אָט די וועלטן שפּאַן איך מיט דרך ארץ.

און פֿון אָט די וועלטן שווים איך מיר אַריבער
צו דעם עולם הבא פֿון די קינדעריאָרן,

ווער איך גלײַך אַ תּושב, דאַוון איך בציבור
מיט די גרויסע די פֿאַרשריבענע אויף אייביק
און מיטן קליין בעריאָזקעלע פֿון איינהאָרן
און מיט די טריט אין שניי פֿון גרויסן לייוויק.

לייזער אייכענראַנד

איך קאָן ניט דײַן קאָפּ,
ניט די אויגן פֿון קאָפּ,
ניט דאָס שוואַרצאַפּל פֿון אויג,
וואָס זשע טויג
אַזאַ מין פּאָרטרעט
פֿון אַ פּאָעט ? —

ניט די טרער פֿונעם אויג,
ניט די זאַלץ פֿון דער טרער,
ניט דער טרויער פֿון זאַלץ
בײַם טויער
פֿון אַלץ.

צווישן שאָטן פֿון טאָג
און שײַן פֿון דער נאַכט
איך שטיי אויף דער שוועל
פֿון פֿאַרטראַכט
און איך טראַכט
וועגן צײַט פֿונעם וועג,
וועגן פֿאַרב פֿון דער צײַט,
וועגן טעם פֿון דער פֿאַרב,
וועגן גורל פֿון שטערן,
ווען דער הימל שטאַרבט,
וועגן גורל פֿון בערן
מיט ווײַסע בערד
אויפֿן ראַנד פֿון דער ערד.

איך בענטש

דעם דיכטער ל. מילער

איך בענטש די הענט, וואָס שרײַבן ייִדיש
און דרוקן לידער אָן געצאָלטס,
וואָס מאַכן איבערן ווייטיק קידוש
און טראָגן אים מיט קראַפּט און שטאָלץ.

זיי מײַדן אויס דאָס האָלץ פֿון מעסער,
זיי כאַפּן זיך צום שאַרפֿן שטאָל
און שנײַדן זיך די ווונדן גרעסער
פֿון אַלע פֿינגער מיט אַ מאָל.

איך בענטש די אָנגעגאָסענע אויגן,
וואָס לאָזן ניט אַראָפּ די טרער
און פֿלעקן ניט דעם ווײַסן בויגן,
וואָס ווערט פֿון אלף-ביתן שווער.

איך בענטש די אותיות, וועלכע לויפֿן
אין לידער-ברכות זיך צונויף
פֿון אַלע ווײַטע ייִדישע הויפֿן
צו דיר אין הויף, צו מיר אין הויף.

איך בענטש די הערער, וועלכע הערן
דעם שלאָג פֿון האַרץ, וואָס בלײַבט ניט שטיין
און האַלט אין זיך דעם שטראָם פֿון טרערן
און זינגט אַריבער דאָס געוויין.

צום דיכטער ל. מילער

(צו דער ערשטער יאָרצײַט פֿון דיכטער)

סע וואַרט אויף אַן ענטפֿער דײַן לעצטער בריוו,
ווי אַזוי דיר דעם ענטפֿער שיקן ?
צי זאָל איך אים שיקן מיט אַ שיף,
וואָס שווימט אונטער די בריקן ?

צי זאָל איך אים שיקן מיט דער באַן,
וואָס יאָגט זיך דורך טונעלן ?
אַוועלכע גאַס, אַראַנדיסמאַן
און וועלכן נומער שטעלן ?

צי אפֿשר גאָר מיט אַן אַוויאָן ?
צו וועלכע וואָלקנס סאַמע ?
דו שרײַב דײַן נײַעם אַדרעס מיר אָן
פֿאַר נאַכט אויף די שקיעה-פֿלאַמען.

איך וועל דיר שרײַבן די לעצטע נײַס,
אַזוי ווי דו האָסט געבעטן —
ווי פֿון אַ זינקענדער שיף די מײַז
צעלויפֿן זיך לינקע פּאָעטן.

אַ שאָד, אַ שאָד, וואָס האָסט ניט דערלעבט
חרטה-לידער מיט זיי צו זינגען,
וואָלטסט אויך אין איינעם מיט זיי געשעפּט
פֿון ברונעם, ווו לויטערע טראָפּנס קלינגען.

אַזוי פֿיל נײַסן זענען פֿאַראַן,
איך וועל דיר קיין איינע ניט פֿעלן.
צי זאָל איך זיי שיקן מיט דער באַן,
וואָס יאָגט זיך דורך טונעלן ?

צי זאָל איך זיי שיקן מיט אַ שיף,
וואָס שווימט אונטער די בריקן ?
ס'וואַרט אויף אַן ענטפֿער דײַן לעצטער בריוו,
ווי אַזוי זשע דעם ענטפֿער שיקן ?

יעסענינען

האָט אַ מעסער צווישן כאַטעס
דאָרפֿישע געטון אַ בליץ
און אויף שטאַמען פֿון בערעזעס
טיף דײַן נאָמען אײַנגעקריצט.

אויף די פּלייצעס האָסט גענומען
דעם ריאַזיאַנער גאָרן וואַלד
און מיט אים אין שטאָט געקומען,
האָט די שטאָט געשריגן : האַלט !

ביסטו איבער הויכע דעכער
פֿון די שטאָט-יעגער אַוועק,
ס׳האָט דײַן שויבער ווי אַ פֿעכער
אָנגעמאַכט אַ ווינט, אַ שרעק !

באָרוועסע מיט הויזנלעכער
האָבן סאַמע אין געיעג
אויסגעשטרעקט זיך אויף די דעכער
און פֿאַרשטעלט צו דיר דעם וועג.

האָסט זיך ווי אַ זון אַ הייסע
אויסגעשטרעקט אין קאַלטן לאַנד
און די שטאָטישע, די ווייסערס
אָנגעשוויצט אַ פֿולע האַנט.

זענען זיי מיט האַנט בײַם האַרצן
היימגעלאָפֿן מיט געוווי —
אין אַ געסל אין אַ שוואַרצן
האָט בײַ נאַכט געשמעקט מיט שטרוי.

ס׳האָט געשמעקט מיט דאָרפֿיש הײַזל,
ס׳האָט געשמעקט מיט דאָרפֿיש ברויט,
ס׳האָט אַ פלויט אין שטאָט פֿון אײַזן
זיך צעבליט ווי צווײַגנפלויט.

קינדער פֿון די קינדערהיימען
האָבן זיך מיט ערד באַקאַנט,
האָבן זיך באַקאַנט מיט ליימען,
האָבן זיך באַקאַנט מיט זאַמד.

צווישן די בערעזע-שטאַמען
אויף דײַן וועג אין דאָרף צוריק,
דײַן באַוווּסטע בריוו ״דער מאַמען״
מיט געזאַנג דיר נאָכגעשיקט.

דער נסתּר

אַ קליינער, דאַרער, אַסקעטישער גבור,
תּעניתים צינדן די שוואַרצע אויגן,
וואָס קוקן איבער די ברעמען אַריבער,
דעם נסתּרס ברעמען — געדיכט און געבויגן.

ער הערט און זעט און שווײַגט אַ שווײַגן,
וואָס לאָזט ניט צו רו און לאָזט ניט שלאָפֿן
די הפֿקר-לײַט, וואָס מאָרדן און דאַגהען :
„ווי נעמט מען אים צו דאָס שווײַגן, זײַן וואָפֿן ?"

ער זעט און בעט : „רבונו של עולם,
דו זאָלסט מיך, חלילה, ניט פֿאַרשעמען !"
סע קלאַפּט אין דער טיר אַ באַוואָפֿנטער גולם —
„אָ, דאַנקען גאָט, געקומען מיך נעמען !".

דוד בערגעלסאָן

און איצט איז שוין „נאָך אַלעמען", מיר גייען אָפּ
און ס'איז דער „אָפּגאַנג" בלוטיק ווי אַ שקיעה,
ס'האָט פּענעק קינדווײַז אַלץ געזען מיטן קאָפּ אַראָפּ
און איצט האָט בערגעלסאָן אַ שוואַכע ראיה.

ס'האָט בערגעלסאָן געשפּילט זיך מיט די קנייטשן פֿון דער פּאָן,
בשעת דער ווינט האָט מיט דער פֿאָן געשפּילט זיך,
איז זאָל דעם ווינט און זאָל דער פֿאָן הנאה טאָן,
ס'האָט בערגעלסאָן אין שאָטן פֿון דער פֿאָן געהילט זיך.

דער שאָטן פֿון איעדער פֿאָן און פֿון יעדער פֿאַרב
איז טונקל ווי איעדער אַנדער שאָטן,
נאָר אַז מע הרגעט עמעצן איין טאָג איידער ער שטאַרבט,
ווערט אויך די פֿאָן אַ שוואַרצע ווי איר שאָטן.

ווי לאַנג

ווי לאַנג ערשט, אַז איך האָב געלייענט עס, ווי לאַנג
דאָס ליד וועגן וואַלד און מיכאָעלס געזאַנג,
דאָס וואַלדבילד, וואָס פֿינינבערג האָט עס געמאָלן
און היינט האָט מיכאָעלס, האָט פֿינינבערג
זיך הויך איבער זייערע פֿאַרגעסענע ווערק
ווי אומפֿאַרגעסענע נעמען, ווי בערג
ביי נאַכט צעלויכטן אין אונדזערע טאָלן.

יצחק קיפּניס

אַ חנוכּה-לעמפּל, אַן אַלטע הגדה,
אַ חומש פֿון דעם און דעם יאָרהונדערט, —
אין דרויסן איז ווינטערדיק די פּאַגאָדע,
ביי אים אויפֿן טיש — אַ מדבר מיט וווּנדער.

ביי אים אויפֿן טיש איז ארץ ישראל
און ט"ו בשבט בליִען די טייטלען,
פֿון רעבטס מיכאל, פֿון לינקס רפֿאל,
ווען ס'קומען מחבלים די הענט אים קייטלען.

זיין שמייכל רייצט די פֿרעמדע היטער,
זיי פֿילן דעם חוזק אין זיינע אויגן,
אָט שפּאַנט ער דער שטאָלצער סלאָוועשנער ריטער,
די היטער גייען אים נאָך געבויגן.

אהרן קושניראָוו:

"ניט דער גבור שמשון אין זיין לעצטן ראַנגל
טרייסלט אויף די זיילן פֿון זיין שׂונאס פֿעסטונג — —"

— — — — — — — — — — —

כ'האָב צעטראָטן מיין געשיכטע מיט געזאַנגען
און געטראָגן זאַנגען צו די פֿרעמדע נעסטן.

האָבן זיך די פֿייגל אָנגעפֿרעסן,
זייערע שוואַרצע פֿליגל אויסגעצויגן
און אין זייער אויפֿשטײַג דאָך מיך ניט פֿאַרגעסן
און מיר אויסגעפּיקט, ווי שמשונען, די אויגן.

ערשט אין בלינדקייט האָב דערזען איך קלאָרער
ווי אַ בייזער חלום קומט צו מײַנע אַפּלען
און דער חלום ווערט אַלץ וואָרער — וואָרער
און אויף זײַנע שלאַנגען-שטריקלעך מײַנע בריִדער צאַפּלען.

בערגעלסאָן און האָפֿשטיין, מאַרקיש און דער נסתּר
און עס ציט צו זיי מיך מיט מאַגנעטן:
נעמט מיך מיט מיט זיך אין אָט דער וואָר דער וויסטער,
נעמט מיך מיט, אָ, מײַנע ייִדישע פּראָזאַיִקער, פּאָעטן.

האָבן מיך די פֿייגל גאָר פֿאַרמישפּט דווקא פֿרײַ זײַן,
פֿרײַ זײַן און אַליין זײַן אין אַ וועלט פֿון תּפֿיסות,
האָט דאָס האַרץ ניט אויסגעהאַלטן אַזאַ וויסטע פֿרײַהײַט,
אַזאַ לעבן, וואָס איז ערגער נאָך פֿון אַלע ארבע-מיתות.

איציק פֿעפֿער:

„ס'איז לויטער דער רוסישער סטעפּ
און איך בין אין סטעפּ ניט קיין פֿרעמדער” — —
צווישן צעשאָסענע קעפּ,
צווישן פֿאַרבלוטיקטע העמדער
טרעפֿט איר מײַן העמד און מײַן קאָפּ,
בלעטלעך פֿון בונט און פֿון גבֿורה,
נעמט מיך פֿון צלם אַראָפּ,
ברענגט מיך צו ייִדישער קבֿורה.
אויב איר געפֿינט ניט מײַן לײַב,
אויב איר געפֿינט ניט קיין זכר,
קריצט אַ מצבֿה, פֿאַרשרײַבט —
זאָל אײַער פּסק זײַן אַ ווייכער.
כ'ווייס, כ'האָב דעם עבֿר פֿאַרשוועכט,
כ'האָב אים פֿאַרשפּיגן ווי שימל

אין קאַמסאָמאָלסקי געפּעכט
אויפֿן זיבעטן הימל,
ביז כ׳האָב דערפֿילט דעם שניט
און אויסגעשריגן די בשׂורה:
ייִדן, איך בין אַ ייִד! — —
ברענגט מיך צו ייִדישער קבֿורה.

הערץ ריווקין (הײַסינער)

וויפֿל האָט דיך אָפּגעקאָסט דער נאָמען,
וואָס דײַן טאַטע, דער ציוני פֿון קאַפּריווקע,
האָט געגעבן דיר און דו האָסט ניט געוואָלט אים
און זיך צוגעזעצט דעם נאָמען פֿון דײַן מאַמען — רבֿקה.

וויפֿל האָט דיך אָפּגעקאָסט דער ייִחוס
פֿונעם שיינעם ייִד, דײַן טאַטן פֿון קאַפּרעשט,
כאָטש דו האָסט אין דיכטערישער שליחות
וועגן מאַרקס געזונגען, ניט וועגן דעם בעש״ט.

וויפֿל האָט דיך אָפּגעקאָסט די בושה —
דײַן משיח, וואָס האָט קולבאַקן צעשאָסן,
האָט צעטראָטן מיט די שטיוול די ירושה
אויך דײַן מאַמעס און דײַן מאַמע-לשון.

ס׳איז געווען דער ענטפֿער אויף די פֿראַגן
פֿון עלעגיע דײַנער דער נאַיווער.
דאָס צו פֿרעגן נאָר נאַיווע וואַגן:
״זאָג, ווער ביסטו, פֿירער צי פֿאַרפֿירער?״

מער פֿון אַלע האָסטו נאָענט צום האַרצן
זיך גענומען אַלע קרומע זײַטן
פֿון דײַן העלן חלום, וואָס אין שוואַרצן
זיך אויך דיר באַוויזן אין סיבירער ווײַטן.

דיך אַרײַנגעכאַפּט אין זײַנע רויטע נעגל,
וואָס ער האָט זיי פֿאַר דער וועלט באַהאַלטן,
אויסגעמישט די שנייען מיט די וועגן
און אויף אייביק דיך פֿאַרהאַלטן.

זלמן ראָזנטאַל:

(דער מחבר פֿון געזונגענעם און זייער פּאָפּולער געוואָרענעם ליד אין באַסאַראַביע בשעתו "אין אַ שטעטל שטייט אַ שטיבל מיט אַ גרינעם דאַך)

"אין אַ שטעטל שטייט אַ שטיבל
מיט אַ גרינעם דאַך"
און אין שטיבל שטייען געשריבן
אותיותלעך אַ סך

גייט אַ רויך אַרויף און אויבן
שמעקט דער רויך מיט טינט,
ברענען אותיות אין אויוון
און סע וויינט אַ קינד.

וויין ניט, קינד, די אותיות ווערן
קיין מאָל ניט פֿאַרברענט
און אַן אַלף-בית ווי שטערן
ליגט ביַי גאָט אין ד'הענט.

אַז דו וועסט נאָר עלטער ווערן
וועסטו אויך פֿאַרשטיין,
אַז די שטערן זענען טרערן
פֿונעם פֿאָלקס געוויין.

וועסטו זאָגן: יידן, ברידער,
שוין געוויינט אַ סך —
"אין אַ שטעטל שטייט אַ שטיבל
מיט אַ גרינעם דאַך".

זאָלסט מיט אָט דעם פֿריילעך לידל
קומען אויף דער גאַס
פּונקט ווי יידל מיטן פֿידל,
בערל מיטן באַס.

זאָלסט זיך לאַנג ניט לאָזן בעטן,
זינג און ווער ניט מיד,
וועלן אויסוואַקסן פּאָעטן
פֿון דיַין שיינעם ליד.

דאָס ליד, דער פֿויגל און דער זינגער

דעם ליכטיקן אָנדענק פֿון זעליק באַרדיטשעווער

אין איינעם אַ רוים האָט אַ פֿויגל געשוועבט,
אין איינער אַ שטאָט האָט אַ זינגער געלעבט
און ס׳האָט זיי איין בילד צוזאַמענגעוועבט.

די אַקסל פֿון זינגער — שמאָל און שוואַך,
דער פֿויגל לאָזט זיך אַראָפּ אויפֿן דאַך
ביַי נאַכט, ווען דער זינגער איז וואַך.

דער זינגער לערנט דעם פֿויגל זיַין ליד,
דאָס ליד כאַפּט זיך אויף פֿאַר טאָג און פֿליט
און נעמט מיט זיך דעם פֿויגל מיט.

דאָס ליד פֿון אַ געוועזענעם פּאָעט

ער איז אַ מאָל געוועזן אַ פּאָעט,
ער האָט אַ מאָל די וואָלקנדלעך געגלעט
און מיט די שטערן דורך דער שויב גערעדט.

ער איז אַ מאָל געווען אַ יונגערמאַן,
ער איז געווען, ווי זאָגט מען עס, אַ פֿלאַם
און ווי אין גאָט געגלייבט אין יעדער גראַם.

הייַנט איז ער אַלט, הייַנט איז ער קראַנק און מיד,
הייַנט דרייט ער מיט דער נאָז אויף יעדער ליד
און האָט ניט ליב דעם פֿויגל, וויַיל ער פֿליט.

ער האָט ניט ליב דאָס פֿיַיער, וויַיל סע בריט,
ער האָט ניט ליב די ליבע, וויַיל זי ציט
און ליב דאָס לעבן האָט ער אויכעט ניט.

פּאָרטרעט פֿון אַ פּאָעט אַ קאַמערזינגער:

כ׳קוק אין שויב אַן טינט און פֿעדער,
כ׳זינג צום טאַקט פֿון מענטשנס גאַנג,

מענטשן גייען און אַ יעדער
וויל אַרײַן אין מײַן געזאַנג.

מענטשן גייען און זיי קוקן,
צי איך זע זיי, ווען איך זינג,
איינער שטעלט זיך מיטן רוקן
און ער שטעלט מיר אַ באַדינג.

אַז ער וועט זיך ניט באַווײַזן
מיט זײַן פּנים פֿאַר מײַן ליד,
ביז מײַן שטים וועט ניט ווי אײַזן
קלינגען ווי סע קלינגט בײַם שמיד.

ווי סע קלינגט בײַם שמיד דער האַמער
איבער אָנגעגליטער האַק.
וואָס זשע טוט מען, כ׳בין אַ קאַמער-
זינגער אין אַ שוואַרצן פֿראַק.

איך פֿאַרהענג די שויב, מאַך פֿינצטער,
צינד אַ לאָמפּ אָן ווי בײַ נאַכט,
נאָר אויף יענער זײַט פֿון פֿענצטער
הער איך ווי די זונשײַן לאַכט.

דער לידערשמידער

זײַן ליד איז געשמידט געוואָרן ניט פּראָסט,
ער האָט עס אָנגליִען פֿריִער געלאָזט
און אַז ס׳איז געוואָרן רויט גענוג,
האָט ער עס באַטראַכט מיט זײַן הייסן קוק,
דערנאָך גענומען דעם האַמער אין האַנט
און פֿונקען געשפּריצט אויף סטעליע און וואַנט.

און אַז דאָס ליד איז אַרויס אויפֿן לאַנד
בײַם שײַן פֿון דער זון האָט דאָס ליד זיך דערמאַנט,
אַז דאָרט אין דער קוזניע איז שענער געווען,
אַז דאָרט האָט זיך בעסער די רויטקייט געזען,

אַז דאָרט אין דער טונקל האָט יעדער פֿונק
געשפּריצט מיט געזאַנג פֿונעם שמידערס צונג.

אַ נאָמען אָן אַ ליד

די טויטן זענען אַלע טראַגיש,
ס׳איז יעדן צו שטאַרבן באַשערט,
ווען ער איז געשטאָרבן האָבן די טענות
אין גאַנצן זיך אויפֿגעהערט.

ר׳האָט אַלע געהאַלטן פֿאַר שׂונאים,
געמיינט, אַז דאָס ליד דאַרף אַליין
זיך אָנשרײַבן אונטער זײַן נאָמען
און גיבן דער וועלט אין די ציין.

עס האָט זיך אַליין ניט געשריבן,
אַליין ניט געמאַכט קיין שריט,
איז ער אַזוי שוין פֿאַרבליבן
אַ נאָמען אָן אַ ליד.

דער נאָמען האָט לאַנג ניט געדויערט,
זיך אויסגעקלונגען און שאַ
און איך האָב אַפֿילו באַדויערט
אַ גורל אַזאַ.

ווער סע וויל נאַר

ווער סע וויל נאַר, קאָן ער זײַן אַ גאון,
אָבער ניט קיין ווילנער, בשום אופֿן,
יעדער האָט אַ זכות אויף זײַן שגעון,
נאָר דעם נאָמען ווילנער קאָן מען זיך ניט קויפֿן.

יעדער גוי, וואָס וויל עס, וועט מען אים ניט שטערן
זיך מגייר זײַן לויט דער הלכה,

אָבער ניט אַיעדער קאָן אַ ווילנער ווערן,
כ׳ווייס עס פֿון מײַן ווילנער שטאָלצן שכן.

און אַ ווילנער, אויב ער האַלט אַ פֿעדער
נאָך דערצו, אַ מומחה איז אויף לשון
און דאָס לשון גייט בײַ אים אויף רעדער
און די רעדער גייען אין קאַלאָשן.

פּאָרטרעט פֿון אַן אַקטריסע

זי האַלט מיט אַלע כּוחות אײַן דעם שמייכל,
וואָס וויל, אַ מידער שוין, אויף רו ערגעץ אַוועק,
איר שמייכל קאָן איר הויכן שטערן ניט דערגרייכן
און דרייט אַרום איר מויל זיך אויסגעקרומט פֿון שרעק.

זי האָט זיך ניט געקימערט וועגן מאָרגן,
בשעת זי איז, אַ יונגע ווילדע ציג,
געשפּרונגען אויף דער בינע גאָר אָן זאָרגן
און מיטן פּליעסקען פֿונעם עולם זיך געקוויקט.

דער עולם האָט געפּליעסקעט און געגאַנגען שלאָפֿן,
געלאָזט די שפּילערין אַליין בײַם שפּיגל שטיין,
זי ווייסט, אַז קיין געשטאַלטן האָט זי ניט געשאַפֿן,
געשפּילט איר נאָמען נאָר, די ראָל פֿון זיך אַליין.

די גרויסע אותיות פֿון איר קליינעם נאָמען
זיך האָבן אויף אַפֿישן ווילד צעטאַנצט,
עס האָט דער נאָמען איר פֿאַרשטעלט דאָס פּנים,
עס האָט די זעלבסטרעקלאַמע צו פֿיל זיך צעגלאַנצט.

איצט טוט איר באַנג נאָך יענע יונגע צײַטן,
וואָס זענען איר אַוועק גאָר אָן אַ זין,
זי וואָלט אַצינד געשפּילט ניט נאָר פֿאַר לײַטן,
נאָר אויך פֿאַר גאָט אין גרויסן יום-הדין.

דער יום-הדין — דער טאָג פֿונעם סך-הכּל
פֿון אַלע טעג פֿון דער, וואָס האָט געזאָלט

אַ קינסטלער זײַן, אַ לויכטנדיקער פֿאַקל
און ניט געוואָלט, און ניט געוואָלט, און ניט געוואָלט.

פּאָרטרעט פֿון דניאל שיידבערג

די געלע בלעטער אויף זײַן פּנים
אויך ווינטער ווערן ניט פֿאַרשנייט,
נאָר ס'איז אים גרינגער צו דערקאָנען
לויט זײַנע ציין, לויט זייערע רייד.

ווײַל ברילן טראָגן אַנדערע אויבעט,
אַ ברוינעם פּעלץ טראָגט אויך אַ בער,
נאָר מיט אַזאַ מין פּעלץ אַ ברוינעם
אין גיהנום אומצוגיין איז שווער.

און ער שלינגט קוילן גלײַך פֿון אויוון
און וואַרגט זיך, היקעט, אָטעמט קוים
און שרײַט: זיי פֿאַלן מיר פֿון אויבן
ווי עפּל פֿון גן-עדן-בוים.

איז זאָלן זיי אים ווויל באַקומען
און טראָגן זאָל ער זיי אין האַלדז
און בראָנפֿן צוגיסן צום גומען
און צושמעלצן מיט חזיר-שמאַלץ.

די געלע בלעטער אויף זײַן פּנים
אויך ווינטער ווערן ניט פֿאַרשנייט,
מע קאָן אָן זיי אים אויך דערקאָנען
לויט זײַנע פֿאַלשע שוואַרצע רייד.

א. ווערגעליס:

גיי אַרויס פֿון דײַן צעלט,
קום אַרײַן אין מײַן וועלט,

פֿאַל אַראָפּ אויף מײַן הימל, פֿלי אַרויף צו מײַן ערד
און כאַפּ דאָרט אַ דרימל אויף אַ ווייכער שווערד.
צינד אָן מיר אַ וואָלקן אין דער פֿינצטער בײַ טאָג,
נעם פֿול אָן מיט וואַסער דאָס מויל דײַנס און זאָג,
זאָג מיר נאָך וואָרט בײַ וואָרט
אין דער הײַנטיקער צײַט
אויפֿן נעכטיקן אָרט:

״דער שניי פֿון סוכומי
שיט אין מיר,
די טיי פֿון סיביר
בליט אין מיר,
אין טאָג פֿון אָפֿענע הערצער
איז שטרענג פֿאַרמאַכט מײַן טיר
מיט אַן אויפֿשריפֿט אויף איר:
״פֿון דרײַ ביז פֿיר״,
דער רעדאַקטער איז שטאַרקער
פֿון דיכטער אין מיר,
איך אַליין בלײַב שטיין
מיט אַ ליד בײַ מײַן טיר —
אַרײַנגיין צי נײן?
כ׳וואַרף אַוועק דאָס פּאַפּיר —
אין דר׳ערד דאָס געדיכט!
און פֿליכט איז פֿליכט.
אַ מוזיקער הייבט עס אויף פֿונעם דיל,
פֿאַרוויגט עס הכנעהדיק און שטיל
און מיר ווערט אויך אַ שאָד מײַן וואָרט —
ס׳איז אַן אייגנס פֿאַרט.
מײַנע לײַט פֿאַרשטייען מיך אויפֿן קוק
און שיקן מײַן ליד מיט די נאָטן צום דרוק.

צו משה טייף

אַ טרויער-רעמל שוואַרץ
דײַן נאָמען נעמט אַרום,
ווי האָט מען עס אַ האַרץ
אויף אייביק ווערן שטום.

ס'האָט אויסגעזען דײַן וועג
צי זײַן נאָך אַזוי לאַנג,
ווי שטאַרבט מען עס אַוועק
אין מיטן פֿון געזאַנג,

פֿון שיר-השירים-ליד,
וואָס דו האָסט זיך צו דעם
גענומען ווי אַ ייִד,
וואָס וויל אַרויס פֿון קלעם.

ווי נעמט אַ קלוגער ייִד
אין משלי-עלטער גראָד
און שטאַרבט אין מיטן ליד
און שרעקט זיך ניט פֿאַר גאָט.

אַ משל האָט געוויס
בײַ דיר זיך שטיל געוועבט,
אויך אָן קהלת איז
דאָס לעבן ניט געלעבט.

אַ גולם האָסט געקרוינט
פֿאַר היטער אויף דײַן וועג,
צי האָט זיך עס געלוינט
פֿאַר זיבן פֿעטע טעג.

נאָך זיבן תּפֿיסה-יאָר
וואָס דו האָסט אָפּגעוויסט,
ווו דו האָסט אָפּגעשפּאָרט
צוויי קניִענדיקע פֿיס.

ס'האָט אויסגעזען דײַן וועג
צו זײַן נאָך אַזוי לאַנג,
ווי שטאַרבט מען עס אַוועק
אין מיטן פֿון געזאַנג.

מייַן ערשטער רעדאַקטער

דעם ליכטיקן אָנדענק פֿון שמואל אבא סופֿר

צי איז עס אמת, אַז פֿון דעמלט
איז פֿערציק יאָר שוין, ווײַ איז מיר,
פֿון זינט כ׳האָב געבראַכט דאָס ערשטע פֿלעמל,
דאָס ערשטע ליד צו סופֿרס טיר.

אַ שטילן קלאַפּ האָב איך אויסגעציטערט
ווי אויף אַ פּיַיקל שטיַיף-געשפּאַנט
און ניט באַמערקט ווי ס׳האָט זיך צעוויטערט
דאָס ליד אויפֿן שטיקל פּאַפּיר אין דער האַנט.

און ס׳האָט דער גוטער מענטש שמואל אבא,
שמואל אבא סופֿר, ער אַליין
פֿון דער האַנט עס גענומען — אַדרבא,
ס׳איז בעסער אַ גרעזל איידער אַ שטיין.

אַ ציטערדיק גרעזל, אַ לעבעדיק גרעזל
און ניט קיין שטיין, וואָס רירט זיך ניט.
ס׳איז גראַדע דעמלט פֿרילינג געווען,
ווען כ׳האָב אים געבראַכט אַן אָסיען-ליד.

ער האָט געשײַנט און ס׳האָט אים געוואָלט זיך
אַ שותּף האָבן צו אָט דער שײַן,
נאָר פֿון ווערלן ביז ווערן באמת איז פֿאָלג מיך
אַ גאַנג אין סאַמע אומגליק אַרײַן.

עס איז דער גוטער מענטש שמואל אבא
פֿאַרשלעפּט געוואָרן פֿון בייזן דײַטש
און ס׳איז מיר פֿאַרבליבן זײַן אַדרבא
און פֿונעם ציטערדיק גרעזל די טײַטש.

1974

דאָס פֿינפֿטע ראָד

און אַז מע זינקט אין בלאָטע מיטן פֿערד-און-וואָגן
און טאַקע בײַם אַרײַנפֿאָרן אין שטאָט,
איז וואָס קאָן העלפֿן שוין דאָס זינגען און דאָס זאָגן ?
איז וואָס קאָן העלפֿן שוין דאָס פֿינפֿטע ראָד ?

און אפֿשר גאָר, ווער ווייסט, קאָן זײַן קאַפּויער —
ווו רעדער פֿיר קריכן ניט אַרויס,
זאָל גאָר דאָס פֿינפֿטע ראָד גראָד זײַן דער גואל,
וואָס לייזט אונדז פֿון די טיפֿע בלאָטעס אויס.

אַנדערש

לאָמיר ריידן אַנדערש ווי מיר ריידן.
אויערן גייען איבער פֿון איבעריקע רייד
ווי די בעכערס נודנע קוואַס פֿונעם גן-עדן —
אין דער פֿולקייט ווערט דערטרונקען אונדזער פֿרייד.

לאָמיר אַנדערש פֿילן ווי מיר פֿילן.
לאָזט אַרײַן אַ ביסל לופֿט אין האַרץ,
שוימט אַראָפּ דעם ווײַסן שמאַנט דעם שטילן,
וואַרפֿט אַרײַן אַ זעמדעלע אַ האַרטס.

לאָמיר טראַכטן אַנדערש ווי מיר טראַכטן.
נעמט אַ ביסל פֿאַרב פֿאַרן געדאַנק,
נעמט אַ ביסל טונקל פֿון פֿאַרנאַכטן,
נעמט אַ ביסל ליכט פֿאַרן געזאַנג.

בלינדקייט

ניט איך ווייַן און ניט איך ווייס
וועגן אומגליק וועגן שוואַרצן,
כ'האָב די בלינדקייט ווי אַ טרייסט
אויפֿגעהאַנגען אויפֿן האַרצן.

און מיט בלינדע טריט פֿאָרויס
ווי אַ פֿערד מיט ווייַסע אויגן,
בין איך פֿון מייַן שטאַל אַרויס
און די אויערן אויסגעצויגן.

גלייַך צוויי הערנער פֿון אַן אָקס
קעגן אַל די שוואַרצע טויטן,
און דערלאַנגט דער וואַנט אַ באָקס
און צעטראָטן גראָבע פּלויטן.

און אַוועק אין אַ געיעג
פֿונעם שד אין מיר געטריבן
צו די קומענדיקע טעג,
וואָס זיי זענען מיר פֿאַרבליבן.

די לבֿנה טוט אונדז באַגלייטן

די לבֿנה טוט אונדז באַגלייטן,
דאָס טייַכל פֿליסט שטיל און צאַרטיק,
מאַך נאָר איין גוזמא, אַ צווייטע
און דאָס ליד איז אין גאַנצן פֿאַרטיק.

מיר שפּאַנען מיט ריזיקע שפּאַנען,
די לבֿנה זי טוט אונדז באַגלייטן,

צי איז נאָך אַ שטעטל פֿאַראַנען ?
מיר שפּאַנען פֿון שטעטל צום צווייטן.

מיר שפּאַנען די שטעטלעך אַריבער,
ווי לײַכט איז צו טרוימען און טרעטן,
מיר טרעטן אַרײַן אין אַ מדבר
און שטעלן דאָרט אויף אונדז אַ שטעטל.

די לבֿנה באַגלייט אונדז מיט ציטער,
דער ווינט בלאָזט שאַרף און שנײַדיק,
מאַך נאָך אַ גוזמא, אַ דריטע
און דאָס ליד איז צום זינגען צײַטיק.

איך קאָן ניט מאָלן קיין פֿאַרשטעלטן בוים

איך קאָן ניט מאָלן קיין פֿאַרשטעלטן בוים,
איך קאָן ניט זינגען קיין פֿאַרטויבט געזאַנג —
אַ, נעמט אַוועק פֿון בוים דעם הויכן צוים
און שווײַגט, ווען ס'רוישט אין פֿעלד די מינדסטע זאַנג.

די וויצן אײַערע זענען שאַרפֿזיניק און טיף,
נאָר ברענגען אונדז ניט דאָס געגאַרטע וואָרט,
וואָס זאָל אונדז אויף אַ ברעג אַראָפּנעמען פֿון שיף
און געבן ברויט, אַ טרונק און אויף נאַכטלעגער אַן אָרט.

די ערנסטקייט איז ווי אַ שטאַרקער ווײַן,
וואָס ניכטערע בלאָזן אָפּ זײַן שוים
און פֿאַלט מען אין אַ שטאַרקן שלאָף אַרײַן,
איז חלומט מען אַ ניט-פֿאַרשטעלטן בוים.

אָ, גאָט

אָ, גאָט פֿון ייִדיש-שטעטל און פֿון ייִדיש-לשון
סע ווערט דײַן וועלט אין מײַנע אויגן אויסגעלאָשן.
איך בלאָנדזשע ווי אַ בלינדער צווישן פֿרעמדע שפּראַכן
און מיט די פֿינגער טאַפּ איך אָן די נײַע נעמען

פֿון אַלע מײַנע אַלטע זאַכן,
וואָס טוען, דאַכט זיך, פֿון מיר לאַכן,
מיך פֿאַרשעמען.

סע שטאַרבט אַ מענטש באַוויינען אים די קינדער,
סע שטאַרבט אַ שפּראַך, איז וויינט אויף איר אַ בלינדער,
וואָס טאַפּט מיט בלינדע טריט די פֿרעמדשפּראַכיקע ערטער
צווישן פֿרעמדע זעעוודיקע ווערטער.

דאָס אײַזן שמידט מען

דאָס אײַזן שמידט מען אין פֿײַער,
דאָס לשון שמידט מען אין פֿראָסט
און מיר איז דאָס לשון טײַער,
דאָס אײַזן איז ביליק און פּראָסט.

דאָס אײַזן איז ביליק און זשאַווערט
און פּראָסט איז דער אײַזערנער קלאַנג,
איך האָב זיך מיט ייִדיש פֿאַרחבֿרט,
מיט אייביקן אונטערגאַנג.

די זון אין מערבֿ פֿלאַקערט
אין ראַם פֿון אַ בלויז שטיק אײַז,
דאָס ייִדישע פֿעלד איז צעאַקערט
אין ראַם פֿון מעת-לעתן-קרײַז.

סע שפּאַנט דער ייִדישער זייער
מיט ייִדישן ווערטערזאַק
סע שמײַסט דער ווינט מיט טרויער
אין זײַן צעגליטער באַק.

וואָס איז געוואָרן

וואָס איז געוואָרן פֿון ליד אין אונדזערע טעג,
וואָס איז אין אונדזערע טעג פֿון די לידער געוואָרן ?
מע נעמט זיי מיט און מע פֿירט זיי אַרום אויפֿן וועג,

מיר טראָגן זיי אום אין אונדזערע זעק און פּעק
סײַ ווען מיר גייען צו פֿוס און סײַ ווען מיר פֿאָרן.

מע נעמט זיי מיט און מע פֿירט זיי אַרום אויפֿן וועג,
מע פֿירט זיי אַרום און מע לאָזט אין די פּעק זיי ליגן,
מע קומט ניט דערצו אין אונדזערע שווערע טעג,
מע קומט ניט דערצו צו עפֿענען די פּעק
די לידער בלײַבן שווײַגן אַזוי ווי זיי האָבן געשוויגן.

און קומט אַ מאָל איינער צו אַ טאָפּ צו טאָן דעם זאַק
און קומט אַ מאָל איינער צו פֿרעגן: וואָס האָט איר, ר׳ ייִד, צו פֿאַרקויפֿן.
און זאָגסטו אים אַז לידער, איז ווערן די אויערן פֿאַרהאַקט
און יעדער-יעדער נעמט זיך צו זײַן אייגענעם פּאַק
און אַלע-אַלע אײַלן אַוועק און אַלע-אַלע לויפֿן.

וואָס איז געוואָרן אין אונדזערע טעג פֿונעם ליד,
וואָס איז אין אונדזערע טעג פֿון די לידער געוואָרן,
מיר פֿירן עס אום נאָר קיינער זעט עס ניט
און קיינער לייענט עס ניט די הײַנטיקע יאָרן.

איך האָב געמיינט

איך האָב געמיינט, אַז מיט דײַן ליד
וועסטו מיך אויסלייזן פֿון מײַנעם
און מיט אַן אויפֿגעהעלט געמיט
וועט קעגן דיר מײַן פּנים שײַנען.

איך האָב געמיינט, אַז מיט דײַן וואָרט
וועסטו פֿון אָרט מזלות רירן,
וועט מזלדיקער זײַן מײַן קאָרט
און איך וועל אויפֿהערן פֿאַרלירן.

איך האָב געמיינט, נאָר האָב דערזען
בײַ דיר די זעלבע וויסטע קאָרטן
און מיט דײַן צײַנדלדיקער פּען
האָסטו צעשטערט דעם גאַנצן גאָרטן.

איך האָב געמיינט.

סע ליגט מײַן פֿרײַנד

סע ליגט מײַן פֿרײַנד אויפֿן טויטנבעט
און גוססט אויס די נשמה,
איך האָב אים הײַנט געשיקט אַ פּאַקעט,
מײַן ייִדיש-בוך אַ מתּנה.

איך ווייס, אַז די גראַמען זענען ניט נײַ,
נשמה-מתּנה-גראַמען,
נאָר ניט אין קיין גראַמען גייט מיר הײַנט,
אַלטע צי נײַע גראַמען.

איך שיק דאָס בוך און בעט בײַ גאָט,
מײַן פֿרײַנד זאָל דערלעבן עס לייענען,
דערנאָך וועלן מיר בעטן בײַ גאָטס גענאָד,
זײַן לעבן בײַ גאָט אויסווייִנען.

זײַן לעבן און אַלע לעבנס פֿון די,
וואָס ווינען אין אַלטע שטיבער
און לייענען אַ ייִדיש בוך אין דער פֿרי
און פֿאַר נאַכט, אָ, לאָז זיי מיר איבער.

אַ טראָפּן רו

ניט זאָג, אַז גאָלד איז אַלץ וואָס גלאַנצט,
ניט יעדער זאָג איז אַ געדאַנק,
ניט יעדער בלום איז שיין אין קראַנץ,
ניט יעדער ליד איז אַ געזאַנג
און איז פֿאַררונדיקט און איז גאַנץ,
ניט יעדער גאָב איז אַ געשאַנק.
ניט זאָג, אַז גאָלד איז אַלץ וואָס גלאַנצט.

באַשער מיר, גאָט, אַ טראָפּן רו,
נאָר זאַפֿטיק זאָל ער זײַן און שטאַרק
דער טראָפּן רו ווי ליו-ליו-ליו,
וואָס קאָן פֿאַרוויגן אויך אַ באַרג,
וואָס שפּײַט מיט לאַווע ערגעץ ווו

און דרימלט אײַן מיט רויטן קאָרק.
באַשער מיר, גאָט, אַ טראָפּן רו.

און היט מיך אויס פֿון יענעם ים,
וואָס רופֿט זיך אייביקייט און טויט,
וואָס אָטעמט ניט אין זונענפֿלאַם
און כוואַליעט ניט, ווען אָוונט גרויט.
אַ שפּיגל אין אַ שוואַרצער ראַם
פֿאַרצויגן מיט אַ שוואַרצער הויט.
פֿאַרהיט מיך, גאָט, פֿון יענעם ים.

אַ טראָפּן רו, אַ רגע רו
און אַ גערויש פֿון גרינס דערצו,
אַ ווײַטער דונער ערגעץ ווו,
וואָס גייט אַריבער אין ליו-ליו.

איך עפֿן אַ בוך מיט לידער

איך עפֿן אַ בוך מיט לידער
און דאָרט אַרײַן אין פֿאַרטאָג
און מאָרגן דאָרט איך ווידער
און נאָך דעם אַלע טאָג.

עס טרעפֿט אָפֿט, עס האָט שוין געטראָפֿן,
איך פֿאָר אין די בערג אַרײַן,
איך לייען די בערג ווי סטראָפֿן,
ווי זיי וואָלטן לידער זײַן.

עס טרעפֿט אָפֿט, פֿאַר וואָס זאָל ניט טרעפֿן?
איך פֿאָר פֿון די בערג אַרויס
און ס׳טוט זיך די וועלט אַ צעעפֿן
אַזוי ווי דאָס בוך די גרויס.

דאָס בוך איז מיט פֿעלדער, מיט וועלדער,
מיט טײַכן, מיט ימען אַ וועלט
און ס׳בליט דער טאָג אַ צעהעלטער
אין ד׳אויגן פֿונעם בוכס אַ העלד.

און אַט קומט אַ צווייטער אַקעגן,
זיי גיבן זיך ביידע די הענט
אין בוך אויף שטויבלאָזע וועגן,
זיי האָבן זיך ביידע דערקענט.

און מאָרגן לייען איך ווידער,
קיין נײַס ניטאָ, ניט איך זוך,
איך לייען די אַלטע לידער,
ס׳זאָל בלײַבן אַזוי ווי אין בוך.

* *

*

פֿאַר נאַכט, ווען סע לעשט זיך די זון אויף די ווענט,
ווערט שווערער דער האַמער און פֿאַלט פֿון די הענט.
מע פֿאַלט פֿון די פֿיס אין בעט אַרײַן מיד,
די אויגן קלעפּן זיך אויף אַ ליד,
די אויערן חלומען פֿון געזאַנג
אין פֿאַרבן, וואָס קומען ניט אויפֿן געדאַנק
און שווימען פֿאַרביי דער פֿאַרלאָשענער שײַן.

אַ גיב מיר כח אַ מידער צו זײַן.

ירושלים, 6טער יולי, 1977

בין מיד

בין מיד און איך לאָז מיך פֿאַרוויגן
פֿון קלאַנג, וואָס ווערט אײַנגעשטילט.
מײַן אויער וועגט די וואָג פֿונעם ניגון,
מײַן אויג מעסט די ברייט פֿונעם בילד.

דאָס בילד נעמט אַרום ווי אַ רייפֿל
דעם קאָפּ און ווערט ענג און ווערט נאָענט.
די רייף ציט זיך אויס, ווערט געצװײפֿלט,
ווערט ווײַט און ווערט האָריזאָנט.

בין מיד אַזוי מיד און איך דרעמל,
פֿאַרריגל זיך פֿעסט אין אַ טרוים

און אויפֿן האָרב פֿון אַ קעמל
איך וויג זיך צו צו אַ בוים.

איך פֿאָר אַרײַן אין די צווײַגן,
פֿאַרבלעטער די אויגן מיט גרין,
מײַן אויער וועגט די וואָג פֿונעם שווײַגן,
מײַן אויג ציט אַ פֿאָדעם דין.

מײַן אויג ציט דעם פֿאָדעם און ציט אים
און אָט איז קיין פֿאָדעם ניטאָ,
און אָט דעם ניטאָ — איך פֿאַרהיט אים
ביז וואַן ער איז ווידער דאָ.

דער קנויל

איך צי פֿון זיך אַרויס אַ פֿאָדעם
און וויקל אים צונויף אין אַ קנויל,
איך צי דעם פֿאָדעם מיט מײַן אָטעם,
וואָס כ'אָטעם אַרויס פֿונעם מויל.

דער קנויל אין מײַנע הענט איז שוין גרעסער
ווי פֿון אַ גאַנצער טשערעדע שאָף,
דער סאָרט פֿון דער וואָל פֿון מײַן קנויל איז בעסער
פֿון סאַמע בעסטן געוועבטן שטאָף.

דער קנויל איז פֿאַרביק און וואַרעמט די בליקן
אין טעג פֿאַרוואָלקנטע, אָן זון,
מײַן אָטעם און מײַן בלוט איז פֿאַרוויקלט
אין אָט דעם קנויל, וואָס וואַרפֿט מיך אום.

האָב הנאה

האָב הנאה פֿון לייענען און נעם
אַ מויל מיט וואַסער אָן און שווײַג

און זאָל דײַן צונג אין מויל פֿאַרקלעמט
זיך רײַסן ווי אַ שפּער פֿון שטײַג.

די אויגן ווערן פֿול מיט פֿאַרב,
מיט זינגעוודיקן ליכט פֿון ווערק,
דער מוט אין האַרצן אָבער שטאַרבט
פֿאַר שרעק — —
צי האָט עס ע ר נאָך ניט באַמערקט?

און שרײַבסטו אָן אַ בריוו, פֿאַרקלעפּ
דאָס לויבגעזאַנג, פֿאַרשפּאַר עס גוט
און שיק עס אָפּ מיט פּאָסט און בעט,
ניט וויסן זאָל מען פֿון דײַן מוט.

און שרײַב מיט קליינע אותיות אָן
אַ גרויסן-גרויסן דאַנק,
נאָר בעסער איז אין טעלעפֿאָן
צו דאַנקען שטיל פֿאַר דעם געזאַנג.

אויף אַ שרײַבער-פֿאַרזאַמלונג

דער זאַל איז פֿול. אַן עולם שרײַבער
מיט פּנימער פֿאַרשידענע
און אָט איז איינער מיט אַ פּנים פֿון אַן אָקסנטרײַבער
און אָט איז איינער מיט אַ פּנים פֿון אַ ייִדענע.

דער זאַל איז פֿול. און איינער לאָזט דעם צווייטן
ניט אויסרעדן קיין וואָרט. עס איז אַן ענגעניש
פֿון ווערטער און פֿון מינעס קרומע אויסגעדרייטע,
וואָס חלשן נאָך לופֿט ווי אין געפֿענקעניש.

דער זאַל איז פֿול, נאָר יעדער האָט פֿאַרגעסן
דאָס שטיקל וועלט זײַנס און דאָס האַרץ זײַנס ציטערן
אַליין אין דר׳היים. ער זוכט עס אין זײַן טעשל
מיט בלעטלעך מיט באַשריבענע, מיט שטימונגען מיט ביטערע.

און אַז . . .

און אַז די גרויסקייט האָט ער שוין דערגרייכט,
דערפּילט געקרוינט זיך און דערפּילט געהייכט,
האָט ער די שטאַפּלען פֿון דעם לייטער מיט אַ זעג,
די שטאַפּלען העכערע פֿאַר מאָרגנדיקע טעג
אַוועקגעשניטן מיט דער קראַפֿט פֿון ניט-גענוצטן שלעכטס —
ווער האָט געריכט זיך אויף אַזאַ געקעכטס
פֿון סם, וואָס לייגט זיך גלײַך אַוועק,
צעפֿרעסט די שטאַפּלען העכערע פֿאַר מאָרגנדיקע טעג
און לאָזט ניט קיינעם שטײַגן איבער זיך.
ווער האָט געוווסט עס ? ווער האָט זיך געריכט ?

מיר זענען געזעסן

מיר זענען געזעסן בײַ מיר אויפֿן בעט
און איך האָב דיך רעדן געלאָזט
און דו האָסט גערעדט און גערעדט און גערעדט
און ניט ווי אין לידער נאָר פּראָסט.

מיר זענען געזעסן בײַ מיר אויף דער באַנק
און איך האָב דיך הערן געלאָזט
און איך האָב אַרויסגעזאָגט אַ געדאַנק
און ניט ווי אין לידער נאָר פּראָסט.

מיר זענען געזעסן בײַם פֿרעמדן טיש
און ס׳האָט אונדז געזונט געקאָסט,
מיר האָבןביידע געלייענט און געמישט,
געהיט זיך צו רעדן פּראָסט.

צעשטויבטע לויב

אַ ליכטיקייט אַ צוגעדעקטע
דרימלט אין מיר טיף
אויף קלאָרע שאָטנס ניט באַפֿלעקטע
כוואַליעט זיך אַ שיף.

און אין דער שיף אין אַ קאַיוטע
אונטער שווערן שלאָס
דאָרט חלומען די ניט באַרוטע
און מע ווייסט ניט וואָס.

פֿון אַלע עקן, אַלע וועלטן
קלינגט מען און מע פֿרעגט
און דאָס פֿאַרדעקטע, דאָס פֿאַרשטעלטע
בלײַבט פֿאַרשטעלט, פֿאַרדעקט.

סע וועט אַ מאָל אַ האַנט אַ גראָבע
צי אַ צאַרטע האַנט
צו אָט דער טיפֿקייט זיך דערגראָבן,
דורכברעכן אַ וואַנט.

און וועט מען דאָרט אַן אוצר טרעפֿן
ווערט ער צוגערויבט
און וועט מען פּראָסטע שטיינער שלעפּן,
ווער איך הויך געלויבט.

אויף איינעם פֿון די שטיינער,
וואָס צעפּאַלט, ווערט שטויב
און לייענען קאָן ניט קיינער
די צעשטויבטע לויב.

איך ווייס, איך ווייס

קאָן זײַן, אַז די שטאָט איז פֿאַרזונקען אין נעפּל
אויף שטענדיק צי אויף אַ שעה.
פֿון וואַנען ווייס איך, אַז נאָכן נעפּל
וועט ווערן ווידער בלאָ?
איך ווייס, איך ווייס.

קאָן זײַן, אַז די טיר איז אויף שטענדיק פֿאַרשלאָסן,
אויף ניט אַרויס, ניט אַרײַן.
פֿון וואַנען ווייס איך, אַז די טיר, וואָס פֿאַרשלאָסן

ווען ווידער אָפֿן זײַן?
איך ווייס, איך ווייס.

קאָן זײַן, אַז די שרעק, וואָס האָט מיך געשראָקן,
וועט שרעקן מיך ביזן טויט.
פֿון וואַנען ווייס איך, אַז מאיר, דער זקן
וועט אויסלאַכן זיך פֿונעם טויט?
איך ווייס, איך ווייס.

אַ פֿייגעלע פֿליט

אַ פֿייגעלע פֿליט. לויטן פֿלי
דערקענט מען וואָס פֿאַר אַ פֿויגל.
אַ מיידעלע קוקט. לויטן ברי
דערקענט מען דעם גלי פֿון די אויגן.

אַ בחורל גייט. לויטן גאַנג
דערקענט מען דעם העלד פֿון דער ווײַטן.
אַ ווינטעלע בלאָזט. לויט דער זאַנג
דערקענט מען אין וועלכע זײַטן.

אַ זינגערל זינגט. לויט דער קראַפֿט
פֿון קול דערקענט מען דעם זינגער.
ער שרײַבט אויף דאָס ליד. לויטן כּתבֿ
דערקענט מען די זײַדענע פֿינגער,
די זײַדענע פֿינגער פֿון זינגער.

די קליינע הײַזלעך

די קליינע הײַזלעך אין דער פֿרי,
סע שמעקט מיט וואַרעמקייט פֿון טאָלן
ווי מילך פֿון ערשט געמעלקטע קי,
ווי טיי פֿון פּראָסטע שאָלן.

די קליינע הײַזלעך אויף דער זון,
זיי שטייען אַלע אָפֿן.

אין הויפֿן לויפֿן קינדער אום
און ווילן מער ניט שלאָפֿן.

די שאָף, דער פּאַסטעך און די הינט,
זיי חבֿרן אין פֿעלד זיך,
אַ לאַם פּאַרקוקט אויף זײַן בילד
אין טײַכל און געפֿעלט זיך.

דער פּאַסטעך טראָגט אַ ברויט ווי שטיין
אין טאָרבעלע אין אַלטן,
ער מאַכט עס ווייך פֿאַר זײַנע ציין
מיט קוואַלוואַסער מיט קאַלטן.

און צוגעזאַלצן מיט חן
פֿון שיינער גרינער פּאַשע,
עס טוט זיך אין זײַן מויל צעגיין
ווי שמאַלץ אויף הייסער קאַשע.

עס הייבט זיך אויף די זון און וואַרפֿט
אין גראָזן אירע שטראַלן,
אַ ווינטל בלאָנדזשעט אום אין דאָרף
און לופֿטערט אויס די שטאַלן.

די קליינע הײַזלעך מיטאָגצײַט.
די זון שטייט פּונקט אין מיטן,
ס'איז צײַטיק אויפֿן פֿעלד דאָס ברויט
און האַלב שוין אָפּגעשניטן.

אַ פּויערטע אין דרויסן קאָכט
אַ באָרשט און וויגט אַ וויגל,
איר הויז שטייט אויפֿן ווינט און פּאָכט
מיט פֿעלדער ווי מיט פֿליגל.

די קליינע הײַזעלעך פֿאַר נאַכט,
די זון ווערט מידער, מידער,
זיי האָבן אַלע זיך פֿאַרמאַכט
און שטייען פֿול מיט לידער.

אויפֿגעוועקטע וועלט

עס קרייט דער האָן און וועקט אַן אויפֿגעוועקטע וועלט,
דער זונאויפֿגאַנג שוין טרעפֿט אַן אויפֿגעגאַנגען פֿעלד,
אין שויבן פֿונעם ערשטן קלאַס אויפֿן צווייטן שטאָק
צעקלינגען זיך די שטראַלן נאָכן קלינגען פֿונעם גלאָק.

סע ווייט דער ווינט און ברענגט דעם שטויב אין שטאָט,
פֿאָנטאַנען שפּריצן הויך און מאַכן אים אַ באָד
און לייגן אים צו דר׳ערד און מאַכן פֿרײַ די לופֿט
און מאַכן פֿרײַ דעם וועג פֿאַר דעם אַקאַציע־דופֿט.

ס׳איז גוט פֿאַר נאָכט אַהיימצוגיין פֿון ווײַט
צו קוקן אויף דער וועלט פֿון דער מיט און פֿון אַ זײַט
און פֿונעם שטאָט־גערויש אַהיימברענגען אַ ליד
ווי זאַנגען, וואָס דער שניטער ברענגט אַהיים פֿון שניט.

בײַ לערער הייסט עס

בײַ לערער הייסט עס פֿענצטער —
די שעה צווישן לעקציעס־שעהען,
בײַ דיכטער הייסט עס פֿינצטער —
די שעה צווישן לידער בלאָע.

כ׳האָב נאָר וואָס אַ ליד געענדיקט
און באַלד דערהערט זיך קלאָגן,
ווי גלײַך די שעה איז אויף שטענדיק
געקומען דאָס האַרץ מיר נאָגן.

און שטענדיק הייסט דאָך אייביק,
איך סטאַרע זיך עס צו באַגרײַפֿן,
וואָס אייביק אויסגעליידיקט
באַדײַט אין יאָרן שוין רײַפֿע.

איך סטאַרע זיך עס צו באַגרײַפֿן,
איך סטאַרע זיך צו פֿאַרשטיין עס

און אַט אַזוי טו איך שלײַפֿן
די אייגענע רײַפֿע רעיונות.

און שלײַפֿנדיק ווערט מיר ליכטיק,
ווי גלײַך איך שלײַף מיר די אויגן;
די וועלט ווערט אויפֿגעראַמט, ציכטיק
און מיט אַ בלויקייט פֿאַרצויגן.

איך עפֿן די טיר

איך עפֿן די טיר און איך גיי אַרויס
צו דער גאַס, צו דער שטאָט, צו דער וועלט,
איך גיי אַרויס פֿונעם שטיינערנעם הויז
צו דער ווייכער ערד פֿונעם פֿעלד.

איך זעץ זיך אַראָפּ אויפֿן ווילדווייכן גראָז,
צי אויס די פֿיס צום זונפֿאַרגאַנג,
איך קוק אין דער ווײַט דורך ברילנגלאָז
און דורך מײַן וועלטגעדאַנק.

אָט דאָ אין פֿעלד האָט מען אויסגעטראַכט
דעם גאָט אין וועלכן איך גלייב,
מע האָט אים אַן אויסגעטראַכטן געבראַכט
אין שטאָט און אים אָפּגעשטויבט.

בלײַב איך אַצינד אויפֿן זעלבן אָרט
ווו באַשאַפֿן ער ווערט און געלויבט
און צולייגן וועל איך אויך מײַנס אַ וואָרט
צום גאָט אין וועלכן איך גלייב.

כ׳האָב געבלאָנדזשעט

כ׳האָב געבלאָנדזשעט צווישן קולות פֿון אַ פֿאָלק אַ שלעכטן,
ביז איך בין צוריקגעקומען צו מײַן קול פֿון נעכטן.

ניט פֿאַראַן קיין שלעכטע פֿעלקער, ניט פֿאַראַנען,
היט מיך, גאָט, פֿון אָט די גוטע מיט דער הילף פֿון די מאַראַנען.

ברידער מײַנע, אויסבאַהאַלטענע צדיקים,
כ׳האָב געבענטשט איַך, טײַערע, גלײַך בײַ מײַן צוריקקום.

כ׳האָב געבראַכט זכרונות העלע פֿון גיהנום —
פֿײַער-לעשער מיט באַהאַלטענע פֿאַרלעש-מאַשינען.

ס׳איז אַוודאי בעסער צווישן גוטע גויים
ניט צו זען דעם טײַוול און ניט זאָגן קיין ויהי נועם.

קיינער קלײַבט ניט אויס דאָס אָרט פֿון זײַן געבוירן ווערן,
אָבער ווי איז דעם אויף אונדזער וועלט, וואָס לעבט ניט גערן.

אַלטע גראַמען און מחשבֿות ווי די וועלט און עלטער
ברענג איך אין מײַן נײַעם ליד פֿון אַ וועלט פֿון אַ פֿאַרשטעלטער.

דער זינדיקער

אַ מצווה צו טאָן איז אַ חובֿ, איז אַן עול
און ווער ס׳איז מקיים די מצווה שרײַט
די מצווה אויס אויף אַ הויכן קול.
דער זינדיקער שטייט דערבײַ און שפּײַט.

דעם זינדיקן לאָקט דער פֿאַרקערט, דער פֿאַרבאָט
און טוט וואָס מע טאָר ניט טאָקע דערפֿאַר
און ווײַל ער גלייבט אין אַ האַר, אַ גאָט,
איז טוט ער להכעיס זײַן גאָט, זײַן האַר.

וואָס וויל דער צדיק, ווען ער באַמיט
זיך וויל צו געפֿעלן, געפֿינען חן?
ער דאַוונט דרײַ מאָל אין טאָג דער ייִד
און ס׳וואַקסט זײַן באָרד אין דער ברייט און שיין.

וואָס וויל דער רשע, ווען ער ברעכט
טאָג-טעגלעך געבאָטן, מנהגים אָפּט?

ער וויל ניט זײַן קיין באַלווינטער קנעכט,
איז ווערט ער דערפֿאַר מיט גיהנום באַשטראָפֿט.

אין גיהנום צו זײַן איז ניט קיין גענאָד
און דאָס איז אין גאַנצן וואָס ער וויל
פֿון דעם, וואָס ער גלייבט אין אים, זײַן גאָט
און דאָס איז זײַן שׂכר און דאָס איז זײַן ציל.

צוויי אַלטע לײַט

סע זיצן אין פּאַרק צוויי אַלטע לײַט
אַ ייִד און אַ גריך און פֿאַרברענגען די צײַט.

אין שאָטן פֿון ביימער איז קיל און שטיל,
זיי קוקן אויפֿן פֿאָנטאַנען-שפּיל.

סע קען ניט רעדן קיין גריכיש דער ייִד,
דער גריך פֿאַרשטייט קיין ייִדיש ניט.

איז רעדט מען — איעדער צו זיך אַליין,
דער צווייטער מאַכט זיך ווי ער וואָלט פֿאַרשטיין.

פֿאַרטראַכט זיך דער גריך און הייבט באַלד אָן
אַ מעשׂה וועגן טעלעפֿאָן.

ער פֿרעגט דעם ייִדן: פֿאַרשטייסטו ? יאָ ?
סע ענטפֿערט דער ייִד אים: אַוודאי, האַללאָ !

אין גריכנלאַנד האָט מען געגראָבן אַ ברונעם
און מ׳האָט דאָרט, זאָגט דער גריך, געפֿונען

אַן אוראַלטע שטאָט מיט פֿאַרגליווערטע ווינטן,
אייבערשטע שטאָקן און לאַבירינטן

און ווײַטער אַ ביסל, ניט ווײַט פֿון דער שטאָט
אַ שטיקל אמתן אײַזערנעם דראָט.

דאָס דראָט איז פֿאַרזשאַווערט און דאָס איז נאָר,
ווײַל סע ליגט אין דער ערד שוין טויזנטער יאָר.

דער ייִד הערט אויס און זאָגט ניט ניין,
דער גריך וויל, דער ייִד זאָל אים בעסער פֿאַרשטיין.

נאָר דאָ פֿאַרהאַלט אים דער ייִד און זאָגט:
אַז וואָס איז דאָ צו פֿאַרשטיין, מע גראָבט,

געפֿינט מען אַ שטאָט מיט אַן אַלט שטיקל דראָט,
אַ סימן געווען טעלעפֿאָן אין שטאָט.

און טאָמער געפֿינט מען ניט קיין דראָט,
אַ סימן, אַז ראַדיאָ געווען אין שטאָט.

אַ סימן, אַז טעלעוויזיע גראָד
געווען שוין דעמלט אין יענער שטאָט.

און אָט איז די שטאָט ווי אויף אַן עקראַן,
סע זעט דער ייִד אויפֿן פֿאָן פֿון פֿאָנטאַן.

דעם גריך — אַ יונגערמאַן אויף אַ פֿערד,
וואָס רײַט אַרויס פֿון אונטער דער ערד.

און יהודה המכּבי קומט אים אַקעגן
און שנײַדט ווי דראָט אים איבער די וועגן.

סע זיצן אין פּאַרק צוויי אַלטע לײַט
פֿון אַלטע צוויי פֿעלקער און פֿאַרברענגען די צײַט.

ווען ניט דאָס לשון

ווען ניט דאָס לשון וואָלט קיין ליגן ניט געווען
האָב איך אַ מאָל פֿון עמעצן געהערט
און זיך צעלאַכט פֿון דעם, וואָס ווײַטער איז געשען —
זײַן פֿערד האָט אים אַראָפּגעפֿירט פֿון גלײַכן וועג,

צום פֿעלד מיט רײַפֿן גערשטן גלײַך אַוועק.
עס האָט אים אָפּגענאַרט דאָס שטומע פֿערד.

ווען ניט דאָס לשון וואָלט קיין אמת ניט געווען,
אונדז העלפֿט אַרויס דאָס וואָרט דערגראָבן זיך צום יש
האָט עמעצער געזאָגט און ניט געזען
האָט ער, דער יאָלד,
ווי אָנגעשריבן האָט מען גאָלד
און ס׳איז געווען מעש.

מיר גראַמען

מיר גראַמען די שטאָט
ניט נאָר מיט דראָט,
ניט נאָר מיט ראָד,
נאָר אויך מיט גאָט
און מיט פֿרוכטנסאָד
בײַם ראַנד פֿון דער שטאָט.

מיר זינגען ניט בלויז פֿון לבֿנה-נאַכט
מיט אַזוי פֿיל שטערן, שטערן אַ סך,
מיר זינגען אויך פֿון אַיעדער זאַך,
וואָס וואַקסט אַרויס פֿון מענטשלעכער האַנט,
ווי ס׳וואַקסט דאָס ברויט אויף דער ערד פֿונעם לאַנד.

די אייביקייט
גראַמט זיך מיט ליידיקייט
און דער הײַנטיקער לעבעדיקער טאָג
מיט אינהאַלט, מיט וואָג
און די וואָך, דער חודש, דאָס יאָר
זיך גראַמען מיט וואָר,
מיט זײַן
ווי שמחות און פֿריידן מיט אַלטן וויַין.

בײַם שרײַבטיש

אַ ווײַס שטיק פּאַפּיר אויפֿן ליידיקן טיש,
איך זיץ מיט אַ ליידיקן קאָפּ
און וואָס צו זאָגן האָב איך נישט
און ס'פּאַלט מיר מײַן הענטל אַראָפּ.

און דאָ, ווי נאָר איך האָב דערפֿילט,
אַז עפּעס פֿעלט צו דער האַנט,
ווי נאָר כ'האָב דערפֿילט, אַז עפּעס פֿעלט,
האָט באַלד זיך דערוועקט אַ געדאַנק.

און באַלד אַ צווייטער, אַ דריטער העט
און אַלע יאָגן אויף גיך,
איך זוך דאָס הענטל און איך טרעט
אַרויף אויף מײַנע שיך.

און ביז דאָס הענטל איז ווידער בײַ מיר,
געוואָרן מײַן קאָפּ איז פֿול,
איז פֿול באַלד געוואָרן אויך דאָס פּאַפּיר,
דער טיש — מיט פּאַפּירן פֿול.

און מאָרגן ווידער בײַם ליידיקן טיש,
איך זיץ מיט אַ ליידיקן קאָפּ,
אויב וואָס צו זאָגן האָב איך נישט,
איז וואַרף איך מײַן הענטל אַראָפּ.

און ווידער דאָס אַלטע ליד

און ווידער דאָס אַלטע ליד פֿונעם וואַנדערער,
צי איז שוין ניטאָ קיין מאָטיוו קיין אַנדערער,
צי קאָנסטו ניט נעמען, למשל, אַזעלכן,
וואָס זיצט אַלע יאָרן זיך אָפּ בײַ זײַן שטעלכל
מיט קנעפּלעך, מיט בענדלעך, די זעלבע טאָג-טעגלעך
און לאָז אָפּ די שלעפּערס, צי איז דאָס ניט מעגלעך?

— און אויב איך וועל שוין פֿאַרלאָזן די וואַנדערער,
צי וועט דער מאָטיוו דען שוין ווערן אַן אַנדערער?

ווערטערמאָרד

די טינט איז שוואַרץ ווי קויל,
די פּען אין טינט זיך פֿאַרנעצט,
דאָס וואָרט איז אַרויס פֿונעם מויל
און אויפֿן פּאַפּיר זיך באַזעצט.

דאָס וואָרט איז אַרויס פֿונעם מויל
און אויפֿן פּאַפּיר זיך צעברענט,
דאָס וואָרט ברענט אויס און ווערט קויל
אין אונדזערע קאַלטע הענט.

דאָס וואָרט... דאָס וואָרט... גענוג
מיט ווערטער צו רעדן פֿון וואָרט,
זאָל טון אונדזער אויג אַ קוק
און זען דעם ווערטערמאָרד.

טוט נאָר בליץ

טוט נאָר בליץ אַ שניט,
דונערט שוין אויף זיכער,
דאַרף איך ניט קיין ליד
פֿון קיין לידערביכער.

שנײַדט אַ רײַטער-שווערד
שוואַרצקייט ווי אַ שניטער,
טרייסלט זיך די ערד,
טוט דאָס האַרץ אַ ציטער.

טוט דאָס האַרץ אַ שפּרונג
אין דער ברוסט דער ברייטער,
טוט דאָס בלוט אַ זונג,
שטײַגט ווי אויף אַ לייטער.

אָפּגעבליצט שוין לאַנג,
העלער דרויסן פֿרייט זיך,
בליצט אַ רויטע שלאַנג
אין מײַן ברוסט און דרייט זיך.

שלענגלט זיך און פֿליט
גאָרניט ווי קיין קריכער,
דאַרף איך ניט קיין ליד
פֿון קיין לידערביכער.

וואָס שאַרפֿער דער ווייטיק

מײַן לאַנגיאָריקן פֿרײַנד דעם דיכטער יאָסל לערנער

וואָס שאַרפֿער דער ווייטיק
אַלץ דינער דער חלום,
דאָס פענדזל איז צײַטיק
צום חלום, איז מאָל אים.

ס׳איז צײַטיק דאָס פענדזל,
די לײַוונט איז צײַטיק,
די לײַוונט — אַן אינדזל
פֿון פֿרייד אינעם ווייטיק.

איין לײַוונט — אַן אינדזל,
די צווייטע — אַ שילדל,
כאָטש שווים מיט אַ שיפֿל
פֿון בילדל צו בילדל.

סע ווערט אַ געפילדער
און טאַצן ניט פֿעלן
און ס׳נעמען זיך בילדער
דעם ווייטיק פֿאַרשטעלן.

פֿאַרשטעלן, פֿאַרדעקן
און מ׳הערט ניט דאָס שרײַען
פֿון ווייטיקן, שרעקן
עד לב השמים.

איך קום צו אײַך

איך קום צו אײַך ווי אויף אַ טעלער צוגעטראָגן,
אָט ליג איך פֿאַר אײַך דאָ מיט פֿלייש און ביין,
מיט האָר און מיט די נעגל — סם פֿאַר אײַער מאָגן,
אַמשווערסטן אָבער וועט אײַך זײַן צו צעקײַען מײַנע ציין.

צי דאַרף איך אפֿשר זיך אַליין פֿאַר אײַך צעקײַען?
אַז דאָס פֿאַרשלינגען מיך דערנאָך זאָל גרינג אײַך זײַן
און גרינג דערנאָך זאָל זײַן אײַך דאָס פֿאַרדייען,
פֿאַרפֿראָווענדיק מײַן בלוט אין אײַך מיט רויטן ווײַן.

זײַט מוחל מיר, דעם קרבן, ניט געגנוי באַרעכנט
האָב איך בשעת פֿאַרלוירן כ׳האָב מײַן בלוט.
דער קרבן דאַרף פֿאַרדעקן אײַער פֿאַרברעכן
און שרײַען דאַרף אויף קולות: ס׳איז מיר גוט.

נאָר איך האָב ניט געשריגן און כ׳וועל ניט שרײַען,
וואָס טויג עס אײַך, עס קאָן דאָך דאָס געשריי
אַן אַנדערס זײַן, וואָס שרײַען זאָל פֿאַר דרײַען
און אַלע זאָלן אויסשרײַען דעם זעלבן וויי.

איך קום צו אײַך ווי אויף אַ טעלער צוגעטראָגן,
אָט ליג איך פֿאַר אײַך דאָ מיט פֿלייש און ביין,
מיט האָר און מיט די נעגל — סם פֿאַר אײַער מאָגן,
אַמשווערסטן אָבער וועט אײַך זײַן צו צעקײַען מײַנע ציין.

ראַטעווע

ס׳איז אַ ווירבלווינט פֿון טענער
אין די הייכן, אַ געשלעג
פֿון די באַסן, פֿון די מענער
אויף די פֿערד און אויפֿן וועג.

צווישן וועגענער מיט אַקסן
אין אַ גראָען נעפּלשטויב
פֿאַלט געשריי דיר אויף די אַקסל
און סע גייט אַ קול אויף רויב.

דונערט עס מיט אַ שלשלת
און דאָס ווידערקול פֿאַרבלענדט
און דאָס פּנים, נעם פֿאַרשטעל עס
מיט די פֿינגער פֿון די הענט.

ראַטעווע דײַן ביסל אָטעם,
ראַטעווע דײַן אויג אין קאָפּ,
ראַטעווע דײַן לײַב, דײַן שאָטן,
ראַטעווע דײַן לעבן אָפּ.

שענק מיר

שענק מיר נאָך אַ ביסל פּוסטקײַט פֿונעם לעבן,
גיב מיר נאָך אַ ביסל פּוסטע פֿרייד,
אויב דו ווילסט באַוויליקן מיר געבן,
וועל איך דאַנקען דיר מיט פּוסטע רייד.

סײַ ווי סײַ האָט אונדז די צײַט געפֿאַנגען
נײַן חדשים פֿאַר אונדזער געבורט
און פֿון דעמלט זענען מיר פֿאַרגאַנגען
כאָטש מיט לוסט צום לעבן אָנגעגורט.

און פֿון דעמלט זענען מיר פֿאַראורטיילט
בײַ דער מאַמען נאָך אין יונגן בויך
ווי סע זאָגט דאָס אַלטע קלוגע ווערטל:
אַלץ פֿאַרגייט ווי רויך.

שענק מיר נאָך אַ ביסל פּוסטקייט פֿונעם לעבן,
גיב מיר נאָך אַ ביסל פּוסטע פֿרייד
אויב דו ווילסט באַוויליקן מיר געבן,
וועל איך דאַנקען דיר מיט פּוסטע רייד.

פֿאַרהיט מיך פֿון גוטע חלומות

פֿאַרהיט מיך פֿון גוטע חלומות, איך בעט דיך
און שענק מיר אַ לעבן אַ בעסערס.

די נאַכט האָט אַ גאַנצע נאַכט געגלעט מיר,
דער טאָג האָט געשניטן מיט מעסערס.

איך ווייס, אַז ס׳איז ניט פֿאַראַן קיין זיסערס
פֿון זיסע חלומות מכל המינים
און ווער ס׳איז מסוגל צו זײַן אַ געניסער,
אַז ווויל איז צו דעם, איך פֿאַרגין אים.

די הערשער, וואָס ווילן לעבן באַרוטע
און לעבן אין פּחד, באַוואַכטע,
זיי וואָלטן באַצאָלט פֿאַר אַ חלום אַ גוטן
אַ האַלבע מלוכה, מיר דאַכט זיך.

נאָר איך, וואָס פֿאַרמאָג ניט אַפֿילו קיין שטויבל
פֿון זייער פֿאַרמעגן און כ׳וויל ניט פֿאַרמאָגן,
בין גרייט דיך, מײַן גאָט, צו לויבן און לויבן
צו קאָנען לעבן, ווען ס׳הייבט אָן צו טאָגן.

און איך בין דערהרגעט

און איך בין דערהרגעט און ליג אויפֿן שטיין
און קיינער הייבט ניט אויף מײַן געביין
אַריבערצוטראָגן עס אויפֿן גראָז,
וואָלט כאָטש אַ ווינטל געגעבן אַ בלאָז
אויף מײַנע גראָע פֿאַרבלוטיקטע האָר,
וואָס כ׳האָב געקעמט זיי זעכציק יאָר,
וואָלט אָפּגעווישט כאָטש עמעץ-ווער
מײַן לעצטע שטיין געבליבענע טרער,
וואָלט עמעץ מיר כאָטש די אויגן פֿאַרמאַכט,
אַז איך זאָל ניט שטאַרבן מיט קיין נאַכט
אין אָפֿענעם אויג, וואָס האָט דאָס ליכט
פֿון אַלע טעג געזאַמלט אין זיך,
איך מורמל: גוט איז צו ליגן אַזוי
אָן כּוחות אויפֿצוהייבן אַ שטרוי.
איך ליג און לאַך פֿונעם געיעג
אַרום און איבער מיר אין וועג

און קיינער ווייסט ניט, ווי מיר איז גוט
צו ליגן אויסגעליידיקט פֿון בלוט,
צו ליגן אין אייגענעם בלוט אַזוי
אָן כּוחות אויפֿצוהייבן אַ שטרוי,
אָן כּוחות אַ פֿינטל צו טון מיט אַן אויג
אויף אָפּצוטרייַבן די פֿליג, וואָס זייגט
דעם שוואַרצאַפּל, וואָס איז שוין סייַ ווי בלינד
און כ׳פֿיל ניט ווי דער שוואַרצאַפּל רינט
פֿון מויל פֿון דער פֿליג, וואָס פֿרייט זיך דערמיט,
וואָס כ׳לאָז זיך און פֿיל קיין ווייטיק ניט.

6.10.1975

קאָנפֿעראַנס

אַלץ איז פֿאַרטיק שוין, די פּורים־שפּיל איז גרייט,
נאָר קיינער וויל אין מויל אַרייַן ניט נעמען המנס רייד,
צי טאָר מען דען ניט שפּילן שוין אין גאַנצן אָן אַ המנען?

אַלץ איז פֿאַרטיק שוין, די בינע מיטן זאַל,
נאָר קיינער וויל אין האַנט אַרייַן ניט נעמען דעם קינזשאַל
צו הרגענען דעם קרבן דאָרט. מע גייט דעם קרבן וואָרענען.

אַלץ איז פֿאַרטיק שוין, דער פֿידל מיטן באַס,
די ליבשאַפֿט און דאָס בענקעניש, איז ווען פֿעלט דער האַס,
דאָס רייַסן זיך, דאָס בייַסן זיך, דאָס כעסן זיך, דאָס צאָרענען?

אַלץ איז פֿאַרטיק שוין, די ראָלן אייַנגעשפּילט —
עקידת יצחק, מכירת יוסף און אַלצדינג, וואָס געשפּילט
די זיידעס און די באָבעס יעדן פּורים פֿאַר אַ נאָווינע.

אַלץ איז פֿאַרטיק שוין, דער אָנהויב און דער סוף,
נאָר יצחק לאָזט ניט בינדן זיך און ס׳איז ניטאָ קיין שאָף,
וואָס זאָל פֿאַרבייַטן אים מיט בליק מיט שאָפֿענעם.

אַלץ איז פֿאַרטיק שוין, מיט בערד איז אויבעט רעבט,
נאָר קיינער וויל ניט יוספֿן פֿאַרקויפֿן פֿאַר קיין קנעכט
און יעקב דאַרף ניט וויינען אויף קיין ייִנגל קיין פֿאַרלאָרענעם.

אַלץ איז פֿאַרטיק שוין, די פּורים-שפּיל איז גרייט,
נאָר קיינער וויל אין מויל אַרײַן ניט נעמען המנס רייד,
צי טאָר מען דען אין גאַנצן שוין ניט שפּילן אָן קיין המנען ?

ווען דו וואָלטס געוואָרן

ווען דו וואָלטסט געוואָרן אַ שיף,
וואָלט געוועזן נאָך אַ שיף
צווישן די טויזנטער שיפֿן.

ווען דו וואָלטסט געוואָרן אַ בוים,
וואָלט געוועזן נאָך אַ בוים
אין גרויסן וואַלד פֿוןביימער.

ווען דו וואָלטסט געוואָרן אַ הויז,
וואָלט געוועזן נאָך אַ הויז
אין דער גרויסער שטאָט מיט הײַזער.

נאָר דו ביסט ניט קיין שיף
און דו ביסט ניט קיין בוים
און דו ביסט ניט קיין הויז,
איז גוט, וואָס דו ביסט דו,
איז גוט, וואָס דו ביסט דו.

אַ גוטן טאָג דיר, ייִדיש

אַ גוטן טאָג דיר, ייִדיש,
אַ גוטע נאַכט דיר, שפּראַך,
אַ גוטן שבת, קידוש,
אַ גוטן יום-טוב, פּראַכט.
אַ גוטן תּמיד, ברידער,
און זײַט געזונט מיר, פֿרײַנד,
און זײַט געזעגנט, לידער
געשריבענע ביז הײַנט.